STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04767

A RAYZE KAYN ERETS-YISROEL IN YOHR 800

E. L. Levinski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ISBN:0-657-04767-8

א. ל. לעווינסקי.

J. 12807

א. ל. לעווינסקי.

אַ רייזע קיין ארץ־ישראל

אין יאהר ת"ת.

פערטע אויפלאגע.

פערלאג „רענעסאנס", אדעס.

דרוקעריי „פעטשאטניק", פושקינסקע 57.

אַ רייזע קיין ארץ־ישראל

אין יאָהר ת״ת

פון א. ל. לעווינסקי.

מיין לאַנד און מיין פאָלק!
איך בין אייערער און מיינע
חלומות זענען אייערע...

„דאָרט וואו עס זענען נישטאָ קיין מענשען, בעמיה זיך צו זיין אַ מענש״, און דאָרט וואו ס׳זענען נישטאָ קיין שרייבערים—זיי אַ שרייבער. לויט מיין בעשעפטיגונג בין איך ניט קיין שרייבער, און ניט איך וואָלט בעדאַרפט שרייבען אַ רייזע־בוך. אַ סך שרייבער גרעסערע און בעסערע פון מיר, געניטע שרייבער, זענען געוועזען מיט מיר צוזאַמען אויף „יהודי המכבי״, אויף „ישרון״ און אויף „שר הנדיב״. צוזאַמען האָבען מיר געדרייט, צוזאַמען זענען מיר איבערגעפאָרען דעם „ים המלח״ און דעם ירדן, אין דאָרף „שלום״ און בעזונדערס אין די וויינגערטנער פון „עין גדי״ און פון חצרון, אין טאָג פון יום־טוב. אין דעם גוטען טאָג זענען געוועזען אַ סך שרייבער, און איך האָב געוואַרט און געוואַרט, ווען זיי וועלען בעשרייבען די דאָזיגע רייזע אונזערע, און אַלעס, וואָס מיר האָבען געזעהן און געהערט. עס זענען אָבער שוין גאַנצע טעג און חדשים פאַרביי—און מ׳הערט ניט און מ׳זעהט ניט.

אויב אַזוי, האָב איך בעשלאָסען: נו, איך וועל פרובען און וועל בעשרייבען, ווי איך קען, יענע וואונדערליכע רייזע. און דערצו איז נאָך—אין אמת׳ן רעדענדיג—דאָס מין שרייבען ביי אונז אַ משפחה־חולאת, רחמנא ליצלן. איינער פון מיינע עלטער־עלטערען, וואָס זיין נאָמען איז געווען, ווי מיינער, פלעגט אין די יאָהרען תר״נ—תר״ם אויך בעשרייבען זיינע רייזעס

„אויף וואָגענס און אויף שליטענס“... און נאָך פיעל פון אונזער משפחה האָבען תמיד ליב געהאַט צו פאַרצייכענען אין בוך אַלעס, וואָס זיי האָבען געהערט און געזעהן, זייענדיג אין וועג. און איך—איך בין זיך מודה ומתודה—האָב אויך עפּעס א מין חולאת צו אַזעלכע זאַכען... און אָט האָב איך געשריבען.

איך ווייס, אַז ווען זאָס וואָלטען געשריבען די אמת׳ע שרייבערס: שלמון, עזרא, אביה אָדער זייערע חברים, בכלל די אלע, וואָס האבען א פונק פון פּאָעזיע, דאַן וואָלטען זיי גאָר מיט אַנ׳אַנדער שפּראַך געשריבען. דאָ איז גראַדע פאַרהאַן אַ ברייט פלאַץ פאַר אַ שרייבער—אַ פּאָעט, צו שרייבען און צו זינגען, אויך צו מאָהלען בילדער, וועלכע זאָלען נעמען דאָס האַרץ, וועלכע זאָלען בעצויבערען. וואָס זאָל איך אָבער טהון, אַז זיי האָבען ניט געשריבען.

האָב איך געשריבען, אַזוי ווי איך האָב געקאָנט.

א.

דינסטאָג, דעם 15 טאָג אין סיון, אין יאָהר ת״ת, האָב איך געפייערט דעם יום טוב פון מיין חתונה מיט מיין געליעבטער, און שוין אויף מאָרגען האָבען מיר פערלאָזט אונזערע עלטערען, אונזערע פריינד און געליעבטע און האָבען געמאַכט די רייזע צו פערברענגען דעם „גאָלדענעם חודש“ אין לאַנד פון אונזערע אבות.

איך ווייס, אַז דער אידישער לעזער וועט זיך דערמיט ניט בעגנוגענען. ער וועט וועלען וויסען: ווער בין איך? פון וואַנען בין איך? מיט וואָס פערנעהם איך זיך? און נאָך אַזעלכע פּרטים, וואָס אים איז זעהר נויטיג צו וויסען. איך וועל מיך בעמיהען צו ערפילען זיין וואונש.

איך בין אַ לעהרער פון אידישע למודים אין גימנאַזיע פאַר יונגלעך און מיידלעך אין דער שטאָדט נ. אין סוריא, און מיין פרוי, יהודית בת יוסף, איז איינע פון די געוועזענע שילערינס אין דער זעלבער גימנאַזיע. מיין פאָטער איז ארב אין אַ געמיינדע און איהר פאָטער האָט אייגענע נחלאות און גיטער אין דער סביבה פון נ.

פון דעם פינפטען קלאַס ביז דעם אַכטען האָב איך מיט

איהר געלערענט אונזער ליטעראַטור, און אין משך פון דער צייט האָבען מיר זיך נאָהענט בעקאַנט און ליעב געקריגען. אַז זי האָט צו 18 יאָר געענדיגט די גימנאַזיע, האָב איך געבעטען „איהר האַנד״ — און האָב זי בעקומען.

און יעצט בין איך גליקליך. ווייל חוץ איהר שעהנקייט — אַ שעהנקייט פון אַ פרוי פון די מזרח־לענדער, אַ שעהנקייט פון אַ אידישער טאָכטער מיט עכטע שוואַרצע אויגען, בעזיצט זי נאָך גוטע זיטען און אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען און בכלל אַלע גוטע מדות, וואָס די אידישע חכמים האָבען געוואָלט זעהן אין אַ פרוי, און אויך אַלע מעלות, וועלכע די חכמי אומות העולם האָבען אויסגערעכענט, האָבען זיך פעראייניגט אין איהר — יהודית׳ן. און אויסער דעם אַלעמען האָט זי נאָך אַ הויכגעשעצטע מעלה, וואָס זי האָט שטאַרק ליעב אונזער שפּראַך און ליטעראַטור, — און זי, וועלכע האָט, לויט איהר שעהנקייט און רייכקייט, געקאָנט חתונה האָבען פאַר אַ הויכען בעאַמטען אָדער אַ גאַנץ רייכען מאַן, האָט בעסער אויסגעוועהלט מיך, אַ לעהרער, ווייל ביי איהר אין די אויגען האָט די הייליגע שפּראַך אויסגעוואַקסען פון איהר גייסט און איהר שעהנקייט אויף מיר, און די אייגענע ליעבשאַפט, וועלכע זי פיהלט צו דער שפּראַך, האָט זי מיר אויך בעוויזען.

ווי איהר זעהט, מיינע ליעבע לעזער, איז מיין ערצעהלונג „ניט קיין דאַנגע און ניט קיין נייע״ און איז ניט אוננאַטירליך און אונמעגליך. דאָס רעכען איך, אַז ווען אונזערע עלטערען זאָלען איצט אויפשטעהן פון זייערע קברים, וואָלטען זיי זיך געוואונדערט איף מיינע ריי־. אונזער געשיכטע דערצעהלט אונז, אַז אין מיטען דעם זיעבענטען יאָהר־הונדערט (תר״נ — ת״ש) זענען, אמת, געוועזען אידישע לעהרער פונ׳ם אידישען דת, ניט פונ׳ם אידישען לשון, ווייל דעם אידישען דת האָבען זיי דעמאָלט געלערענט אויף דער שפּראַך פון לאַנד. — און נאָך מערקווירדיג איז, וואָס איצט איז דאָס כמעט שווער צו גלויבען, אַז יענע לעהרער האָבען גאָר קיין שייכות ניט געהאַט ניט מיט׳ן דת און ניט מיט דער שפּראַך. דער למוד איז נור געוועזען גלאַט אַזוי „לפנים״, כדי צו פערבלענדען די

אויגען, די לעהרער האָבען ניט געלערענט און די תּלמידים האָבען ניט געקאָנט. די גאַנצע זאַך איז געווען אויף אָבצונאַרען. די רעליגיע איז געשטאַנען נידעריג בײַ די לעהרער און בײַ די תּלמידים, און די לעהרער זענען געוועזען געפאַלען און מבוזה אין די אויגען, אי בײַ זיך אי בײַ די תּלמידים... קענען די *העברעאישע* שפּראַך? דאָס האָט קײנער ניט אין זינען געהאַט! אין יענע שלעכטע צייטען, ווען אידען אַלײן האָבען ניט געוואוסט דעם ווערטה פון זײער שפּראַך און ניט פערשטאַנען, ווי צו האַלטען זי טײַער, אַזוי אַז פיעלע האָבען זײערע קינדער גאָר ניט געוואָלט לערנען קײן אידיש... יאָ, אין יענע שלעכטע צײַטען איז דאָס אַלעס מעגליך געוועזען, אָבער ניט איצט. איצט איז די העברעאישע שפּראַך ניט נאָר אַ לעבעדיגע בײַ יודען אַלײן, נאָר אויך די אומות העולם לערנען זי, און אין אַ סך שולען פאַר יונגלעך און פאַר מײדלעך איז זי שוין געוואָרען אַ חיוב גלײַך מיט אַנדערע לעבעדיגע שפּראַכען.

ווענען דער דאָזיגער גרויסער ענדערונג דערצעהלט אונז די געשיכטע פון אונזער ליטעראַטור פאָלגענדעס:

אין סוף פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט, נאָך דער קריסטליכער רעכנונג, און אין מיטען זיבענטען יאָהרהונדערט (ת״ש נאָך אונזער רעכנונג), האָט בײַ יודען געשפּירט אַ בעוועגונג אויפצולעבען אונזער אור־אַלטע העברעאישע שפּראַך. מ׳האָט אָנגעהויבען אַרום איהר צו אַרבײַטען, צו פערשטאַרקען זי און צו פערבעסערען און אַזוי איז זי געוואָרען שעהן, גרויס און בליהענד. זי האָט אויפגעלעבט. ווײַל אין אמת׳ן איז אונזער שפּראַך גאָר קײנמאָל ניט אָפּגעשטאָרבען. נאָר די אומות העולם, פון גרויס קנאה אין אומוויסענהײַט, האָבען געשריגען, אַז זי איז אָפּגעשטאָרבען. און אַ סך פון אונזערע יודען, וואָס אַלעס יודישעס איז בײַ זײ הפקר, האָבען מיט זײ געהאַלטען, און ערקלערט, אַז די העברעאישע שפּראַך איז אַ טויטע. אָבער טראָץ דעם אַלעמען, טראָץ דעם שפּאָט און די אונוויסענדע בּרואים, האָט די שפּראַך געלעבט אין מויל פון איהרע טרײַע קינדער, און זי איז אויך געווען אַ קוואַל פון לעבען פאַר אונזער פאָלק. זי האָט אויסגעגאָסען פון איהר לעבעדיגען גײַסט אויך

אויף אונזער הייליג לאַנד, וועלכעס האָט אויפגעלעבט. ווייל אין יענער צייט ווען יודען האָבען אָנגעהויבען לעבעדיג מאַכען די הייליגע שפּראַך, האָט זיך אויך אָנגעהויבען צווישען זיי די בעוועגונג אויפצולעבען דאָס הייליגע לאַנד. אונזערע ברידער פלעגען זיך איינציגווייז אַריבערכאַפּען קיין ארץ-ישראל און האָבען געבויעט דאָרט אַ ישוב. און דאָרטען האָט שוין ממילא די שפּראַך ביי זיי אויפגעלעבט. — אַזוי האָט די שפּראַך געווירקט אויף דער אויפלעבונג פונ'ם לאַנד, אויף קבוץ גליות און אויף די פעראייניגונג פון אונזער פאָלק און דאָס לאַנד ווידער האָט געווירקט אויף דער אויפלעבונג פון דער שפּראַך, און די ווירקונג פון דער שפּראַך מיט'ן לאַנד צוזאַמען, איינס אויף דאָס אַנדערע, האָט אויך גוט געווירקט אויפ'ן גאַנצען יודישען פאָלק.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז ארץ-ישראל געוואָרען דער צענטר פון יודענטהום און פון יודישער געלערנטקייט, יעדער יונגער און פיינער מענש, יעדער בעל-מח, יעדער פערמעגליכער און געהויבענער מענש האָט זיך בעזעצט אין לאַנד פון אונזערע אבות, און פון ירושלים זענען אַרויסגעגאַנגען תורה און חכמה, גוטע און שעהנע מנהגים, און אַפילו מאָדעס, — פאַר די יודען פון אַלע גלות-לענדער. די יודען פון חוץ-לארץ האָבען געשטרעבט נאָכצוטהון זייערע ברידער פון ארץ-ישראל מוט אַלעמען. סיי מיט דער שפּראַך און סיי מיט די קליידער און שטוב-מנהגים. און דאָס איז שוין, זעלבסטפערשטענדליך, אַז לשון קודש איז געוואָרען די אומגאַנגס-שפּראַך אין אַלע הויכע יודישע הייזער אין אַלע לענדער. פון די הויכע הייזער איז שוין דער מנהג ממילא איבערגעגאַנגען צו די אָרימערע קלאַסען, און אַלע יודען האָבען אָנגעהויבען רעדען לשון קודש. ביי אונז — יונגער דור — איז זי שוין אַ מוטער שפּראַך... און אַז די שפּראַך איז פערשפּרייט געוואָרען צווישען פאָלק, איז זי שוין ממילא אויפגעהויבען געוואָרען גייסטיג אויך. זי האָט זיך אַזוי ווי פון זיך אַליין ענטוויקעלט און געוואָרען גרויסאַרטיג שעהן מיט איהר אַנגענעהמער אויסשפּראַך און שאַרפע אויסדריקען. זי האָט אין זיך פעראייניגט די מזרח'ישע פּאָעזיע מיט'ן גוטען געשמאַק פון די שפּראַכען פון די מערב-לענדער.

באופן, אז זי האט איבערגעשטיינט, מיט איהר שטארקייט און אנגענעהמקייט, אלע שעהנסטע אייראפעאישע שפראכען. די געלעהרנטע שריפטשטעלער און פאעטען האבען זי בערייכערט אין זייערע ספרים און שירים אויף אזוי פיעל, אז עס איז שוין ניט געבליבען קיין שום בעגריף און קיין שום געדאנק, אפילו דער סאמע ערעלסטער, אינ'ם לעבען אדער אין וויסענשאפט, וואס מען זאל ניט געפינען זיין ריכטיגען אויסדרוק אין לשון קודש. אין נאכד'ם ווי די יודישע אקאדעמיע האט ארויסגעגעבען דעם אלגעמיינעם ווערטער=בוך (אין יאהר תש״ן), האבען אלע פעלקער געזעהען די רייכקייט און די שעהנקייט פון אונזער שפראך און האבען זיך צו'ן איהר דערנעהנטערט.

איז דען שוין א וואונדער, נאך דעם אלעמען, וואס די שעהנע און רייכע יהודית האט זיך פארליעבט אין אלעהרער פון דער העברעאישער שפראך? די שעהנע מיוחס'דיגע שפראך האט אפגעשפיגעלט איהר שעהנקייט און איהר יחוס אויף מיר, און פון איהר ריכטיגקייט בין איך בעלויכט געווארען.

איך ווייס אפילו, אז פאר די לעזער איז אלץ איינס, צי פאר דעם אדער פאר יענעם האט מיך יהודית געליעבט און איך זי. נאר די וועלט זאגט א ווערטער: „וואס אויפ'ן לונג, דאס אויף דער צונג״, און וויל מיין הארץ איז פול מיט ליעבע צו מיין פרוי און צו מיין שפראך, צו מיין שפראך און צו מיין פרוי, ביידע זענען מיין פרייד און מיין לעבען, — קען איך ניט, בעת איך שרייב מיין רייזע=בוך, איבערשפרינגען דאס דאזיגע חשוב'סטע קאפיטעל פון מיין לעבען.

אלזא האב איך בעשלאסען צו פערברייננגען דעם „גאלדענעם חודש״ אין לאנד פון אונזערע אבות.

דעם אמת מוז איך אייך זאגען, ליעבע לעזער, אז ניט אין איין מינוט איז ביי מיר בעשלאסען געווארען צו פאהרען קיין ארץ=ישראל. א סך האבען מיר, איך און יהודית, געטראכט און געקלערט וועגען דער נסיעה, לכתחילה — איך בין זיך אייך מודה ומתודה — האבען מיר ביידע גערעכענט

צו מאַכען די שעהנע רייזע גלייך קיין פאַריז, די הויפּטשטאָדט פון פראַנקרייך, ווייל פאַריז איז נאָך איצט אויך, ווי אין די צייטען פון אונזערע זיידעס און באָבעס, דער צענטר פון פרעהליך-לעבען, פון הוליען, דער צענטר פון טעאַטער און מאָדעס, בכלל די הויפּט-שטאָדט, וואו מען לעבט אַ גוטען טאָג, אין פראָכטען, גאָר פּראַכטען זינען פון וואָרט... זי פער-צויבערט נאָך היינט אויך און ציהט צו צו זיך די הערצער פון אַלע ליעבע-פּאָרליך פון אַלע פעלקער און לענדער. בע-זאָנדערס ציהט עס די פרויען צו דעם נייעם „בבל" (ווי מען רופט פאַריז), און יהודית, מיט איר גאַנצען פּאַטריאָטיזם און איר ליעבע צו דער העבּרעאישער שפּראַך און צו אַלעם גוטען און הויכען, איז זי דאָך פאָרט ניט מעהר ווי אַ פרוי, און זי האַט אין איהר הארצען געגלוסט צו פאָהרען קיין פאַ-ריז. אָבער סוף כל סוף האָט דער יצר-טוב מנצח געיוען דעם יצר-הרע און מיר האָבען בּיידע בעשלאָסען צו מאַכען אונזער רייזע קיין ארץ-ישראל און פון דאָרטען, דורך ירושלים, קיין פאַריז. אַ יאָ, אַ גוטער און אַ שעהנער געדאַנק?

ירושלים אַליין איז שעהן און פיין, אָבער פאָהרען קיין פאַריז דורך ירושלים — ווי שעהן און פיין דאָס איז! ווען אונזערע זיידעס, וועלכע פלעגען מיט 150 יאָהר צוריק „עולה רגל" זיין קיין פאַריז, וואָלטען פערשטאַנען צו פערקע-רעווען אין מיטען וועג קיין ירושלים, וואָלט ירושלים נאָך לאַנג פריהער אויפגעריכט געוואָ־ען... נאָר דאַן, מיט 150 יאָהר צוריק, האָט מען, ווי בעוואוסט, גאָר אַנדערש געקלערט, און אפילו די פערברענטע „חובבי ציון" זענען געפאָהרען קיין ירושלים — דורך פאַריז, איז דער סוף געווען, אַז די גרעסטע העלפט פון זייער גרויסען וועג האָבען זיי דורכגעמאַכט, דאָס הייסט: קיין פאַריז זענען זיי טאַקע געקומען, און די צווייטע העלפט, גאָט ווייסט פאַר וואָס, איז עפּיס ניט גע-ראָטען...

מיר אָבער יעצט, זייערע קינדערס קינדער, האָבען אי-בערגעאַנדערשט דעם סדר: מיר פאָהרען קיין פאַריז — דורך ירושלים. און ירושלים שלאָגט שוין אַרויס פונ'ם קאָפּ פאַ-

ריז, אזוי ווי אַ מאָל פלעגט פּאַריז אַרויסשלאָגןּ פונ׳ם קאָפּ ירושלים.

און דאָס מוז איך אײַך אויך זאָגען, אַז די לוסט־רײַזע קײַן ארץ־ישראל איז שוין אויך געוואָרען אַ מאָדע, ווי אַנדערע מאָדעס. דער מנהג, אַז יעדער פערמעגליך פּאָר־פאָלק זאָל צום ערשטען פאָהרען קײַן ארץ־ישראל. פערברינגען די „גאָלדענע צײַט", איז שוין אַזוי אײַנגעפיהרט, אַז קײַן שום רײַך פּאָר־פאָלק קאָן איהם שוין ניט עובר זײַן, גלײַך ווי מען קאָן ניט פערבײַגען קײַן אַנדערע אָנגענומענע מאָדעס. און צווישענס, זענען מיר פון הײַנטיגע דורות, פּראַקטישע מענשען, און דערמאָהנען תמיד דאָס אַלטע ווערטעל, אַז „צײַט איז געלד". אַפילו אין דער „גאָלדענער צײַט" ווען אונז חלומ׳ען זיסע חלומות און מיר „פליהען אין הימעל אַרײַן", פערגעסען מיר אויך ניט די וועלט, אויף וועלכער מיר שטעהען און געהען. און חאָטש די גאַנצע רייזע אונזערע איז געווען צוליעב תענוג, פונדעסטוועגען האָב איך געוואָלט זי אויסנוצען אויך פאַר עפּיס אַ ממשות׳ריגע זאַך. איך האָב געוואָלט אויסמישען דאָס אַנגענעהמע און דאָס נוצליכע צוזאַמען. זײַענדיג אַ לעהרער פון לשון קודש, האָב איך געדאַרפט זײַן אין יודישען לאַנד, דאָרט וואו די יודישע שפּראַך איז געבוירען געוואָרען, כדי פערבײַטערען מײַנע ידיעות אין דער שפּראַך.

איך האָב בעשלאָסען אויסצונוצען די געלעגענהײַט און צו בעזוכען אַלע הויכע שולען אין ירושלים, די יודישע אַקאַדעמיע און דעם אינסטיטוט פאַר די לעהרער צו בעקענען זיך מיט די גרויסע משוררים. הימן, ידיתון און די שרייבערס: שמואל בן גרשון, בן־מנשה, און אויך אַנדערע בעריהמטע קענער׳ס פון דער שפּראַך. און נאָך איין זאַך. גראַדע אין דעם יאָהר, דאָס יאָהר פון יובל, האָט בעדאַרפט זיין אַ אויסשטעלונג אין ירושלים. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס יודען האָבען אַרויסגעוויזען דער גאַנצער וועלט זײַער רײַכטהום און זײַער קונסט, זײַערע סחורות און פאַבריקאַציע, זײַערע פּראָדוקטען און פרוכטען וכדומה. אַלעס גוטע, אַלעס גרויסאַרטיגע איז דאָרט צו זעהען. ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אַ יודיש האַרץ אין זיך, און בײַ וועמען דער כבוד און דאָס גליק פון

זיין פאלק זענען טייער געוועזן, האט געדארפט קומען קיין ירושלים אנטייל נעמען אין איהר שמחה, אמת, אויסשטעלונגען, אין וועלכע יודען האבען גענומען א גרויסען אנטייל, זענען פארגעקומען פריהער אויך, נאר דארט, אין די פרעמדע לענדער, האבען זיי זיך אויסגעצייכענט ניט אלס יודען, נאר אלס „פראנצויזען", „דייטשען", „רוסען" וכדומה. אבער יעצט אין ירושלים, וועט דער כבוד און דער לויב געהערען טאקי נור צו יודען אליין. ווער זשע פון אונזערע ברידער זאל זיך ניט פרייען צוזאמען? און ווער זאל ניט קומען קיין ציון זעהען איהר זיסע נחמה?

איצט וועגען פלאן פון מיין רייזע.

ווי צוריק מיט ק"ן יאהר, ווען עס האט זיך נאר וואס אנגעהויבען די בעוועגונג פון ישוב ארץ-ישראל, אזוי איז נאך איצט אויך די שטאדט „אשדות" ווי א טויער פון ירושלים און דער מיטעל-פונקט פאר אלע, וואס פארען קיין ארץ-ישראל. די שטאדט „אשדות" איז בעריהמט דערמיט, וואס אין איהר איז געוועזן דער קאמיטעט פון די חובבי-ציון, און דערמיט האבען זיך אונזערע רוסישע יודען צו בעריהמען געגען די יודען פון אנדערע לענדער. ווארום אזוי ווי פארצייטען האבען זיך זיעבען גריכישע שטעדט געקריעגט וועגען דעם ארט, וואו עס איז געבוירען געווארען דער פאעט האמער, און יעדערע פון זיי האט זיך בעריהמט, אז אין איהר איז געבוירען געווארען דער גאון פון גריכישען פאלק, — אזוי קריעגען זיך איצט די יודען אין איירָאפא וועגען דעם ארט, וואו עס איז נולד געווארען די בעוועגונג פון ישוב ארץ-ישראל. אונזערע רוסישע יודען טענה'ען, אז זיי האבען אויף זייערע פלייצעס איבערגעטראגען די גאנצע משא פונ'ם יודענטהום, און זיי זענען געוועזן די ערשטע וואס האבען געארבייט פאר די אויפלעבונג פון דער שפראך און פונ'ם לאנד. זיי האבען געליטען די חבלי לידה, און זיי דאבען געוואונען די געוואונשטע קינדער צום ישוב. די פראנצויזישע יודען בעריהמען זיך מיט זייער בארון דעם „נדיב". די געשיכטע דערצעהלט אונז, אז אין פראנקרייך איז א מאל געוועזן א נדיב, וועלכער האט זיין גלייכען ניט געהאט ביי יודען מיט זיינע גרויסע נדבות, ער האט זיך שטארק

אָבגעגעבען מיט די אינטערעסען פון אונזער פאָלק און אונזער לאנד. און האָט געשיט מיט געלד אויף צו בויען א ישוב אין ארץ־ישראל און צו שטעלען איהם אויף פעסטע יסודות.

דאגעגען אונזערע ברידער אין ענגלאנד מאכען גאר צו נישט די גאנצע ארבייט פון די פראנצויזישע יודען. זיי זאָגען אז אלעס, וואָס יענע האָבען געטהון איז געווען נאר אויפ'ן פראנצויזישען שטייגער, דאָס הייסט, אָהן א שום צוועק פאר'ן יודענטום, נאר גלאט עפּעס אַזוי א צופעליגע זאַך, לפי שעה... אז דאָס איז ניט געווען קיין נאציאָנאלע בעוועגונג ביי די פראנצויזישע אידען זעהט מען שוין פון דעם פאקט אליין, וואָס חוץ דעם געוויסען נדיב און זיינע מענשען, האָבען זיך צווישען די פראנצויזישע אידען ניט געפונען נאָך קיין חובבי ציון, און דערפאר האָט פאריז קיינמאָל ניט געקאָנט זיין דער צענטער פון דער בעוועגונג. חאָטש די חובבי־ציון האָבען עס שטארק געוואָלט. דער אנהויב פון דער בעוועגונג, וועלכער האָט געהאַט ממש א היסטאָרישען גרונד, דאַרף מען — אַזוי טענה'ן אונזערע ענגלישע ברידער — רעכענען פון דעם טאָג אָן, ווען די לאָנדאָנער יודען האָבען ארויסגעזאָגט עפענטליך די גרויסע און זיסע בשורה, אז „דאָס אידישע לאנד איז פאר אידען”. אמת טאקי, אז די גוטע בשורה האָט אונז קיין טובה ניט געבראכט אין יענער צייט, ווייל דורך איהר זענען פער־מאכט געוואָרען די טויערען פון פאלעסטינא, און עס איז אי־בערגעריסען געוואָרען די גאנצע ארבייט אויף א שטיק צייט... נאָר דערמיט איז זי טאקי נוצליך געווען. מען האָט ארויסגע־זעהן, אז זי איז געווען נויטיג, ווייל ארץ־ישראל איז איינע פון די זאכען, וואָס מען בעקומט שטענדיג נאָר דורך יסורים... די ענגלישע יודען זענען ניט אזוי גרינג אויף דער דעה, ווי די פראנצויזישע, זיי האָבען ניט געשפּרייט קיין געלד אָהן א חשבון, און איידער זיי האָבען ארויסגעגעבען א פרוטה, האָבען זיי א סך געקלערט, געקלערט זיבען און זיבעציג יאָהר, זיבע־בען חדשים מיט זיבען טעג און נאָך זיבען מינוט. „רגע ברגע”, אויף א ריכטיגען זייגער, האָבען זיי געהאַלטען אין

איין טראכטען: ווי אזוי זאל מען אנהויבען דעם ישוב? אז עס איז אריבער א צייט און זיי האבען ענדליך געפונען דעם ריכטיגען וועג, ווי אזוי אנצוהויבען — האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער ישוב איז שוין אויפגעשטעלט געווארען דורך אנדערע, וואס האבען ווינציגער פון זיי געטראכט.. און דאן איז פאר זיי נאר געבליבען די ארבייט צו פערברייטערען און פעסטיגען דעם ישוב. און דאס טהוען זיי טאקי און קארגען דערביי קיין געלד און קיין מיה ניט.

און אונזערע אויפגעקלערטע ברידער פון דייטשלאנד, האבען, אמת, קיין געלד ניט געגעבען, קיין טרחה ניט געהאט, ניט גערעדט און ניט געטראכט. א סך פון זיי זענען זיך געשטאנען גאר פון וויטענס, געווען פערטראגען אין פילאזאפיע און היסטאריע. אבער ווען עס זענען שוין אריבער היבשע עטליכע יאהר און דער ישוב איז שוין געווארען פעסט אויפגעשטעלט, האבען זיי בעשריבען די „געשיכטע פון דעם ישוב", און, פערשטעהט זיך, אויף דייטש, פאר'ן דייטשען פאלק, וועלכעס האט זעהר ליעב די אידישע היסטאריע... ווייל נאך זייער מיינונג נאך, איז דער ישוב אליין, גלייך ווי דאס פאלק אליין, גאר ניט. און אזוי ווי דאס פאלק איז בעשאפען געווארען צוליעב דער היסטאריע, אזוי איז דער ישוב אויך בעשאפען געווארען נאר צוליעב דער היסטאריע... און דערום איז דער ישוב אינגאנצען זייערער...

אונזערע רוסישע יודען זאגען: אמת טאקע, געלד האבען געגעבען די פראנצויזישע יודען, רעדען האבען גערעדט די ענגלישע, די היסטאריע האבען געשריבען די דייטשע יודען, אבער געארבייט און געליטען האבען מיר. מיר האבען געארבייט מיט'ן שווייס; מיר האבען געאקערט און געזייהעט, די וועגען געמאכט, די הייזער געבויעט. מיר זענען די ערשטע געקומען קיין ארץ-ישראל, מיר האבען די ערשטע בעשאפען די נאציאנאלע בעוועגונג, און דער פאלעסטינער קאמיטעט, וואס מיר האבען געגרינדעט אין יענער צייט, דיענט אונז פאר א בעוויז דערויף!

דער קאמיטעט וואלט נאך מעהר געווען אויפגעטהון, ווען ער זאל געווען האבען גענוג געלד. עס איז שווער איצט

צו גלויבען, אז פון די פינף מיליאן יורען, וועלכע האבען זיך דעמאלט געפונען אין רוסלאנד, איז נור איינער פון טויזענד געווען א חיבב ציון, און דאס גאנצע איבריגע פאלק איז געשטאנען ווייט פון דער בעוועגונג. און אפילו די וואס האבען שוין יא געהאט די עהרע זיך צו רופען מיט'ן נאמען חיבבי ציון — איז וועה צו זייער חבת ציון! זיי האבען געגעבען נאר פרוטות, ממש טאקי פרוטות, קופערנע מטבעות. און פון די פרוטות איז צונויפגעזאמעלט געווארען דער קאפיטאל פונ'ם קאמיטעט. צווישען די פיעלע נגבירים, וואס האבען זיך געהאלטען פאר חובבי ציון, האט זיך ניט געפונען אפילו איינער, וועלכער זאל געבען עפעס א רעכטע נדבה אויף ציון. די סבות דערפון זענען, ווי די היסטאריקער דערצעהלען, פערשיעדענע.

די הויפט־סבה איז געווען, וואס ניט פיעל האבען פערשטאנען די גרויסע וויכטיגקייט פון דעם ענין. איינעגע פון זיי, האבען גאר געווארט אויף משיח'ן. זיי האבען פשוט יעדען טאג אויף איהם ארויסגעקוקט ער זאל קומען. און אויב אזוי, צו וואס־זשע טויגען שוין חברות מיט תמיכות, משיח וועט דאך אין איין טאג, אין איין שעה צונויפזאמלען אלע יודען און זיי ברייננגען קיין ציון... און א טייל איז געווען, וואס האבען אין משיח'ן גארניט געגלויבט, אבער זיי האבען אויך ניט גיגלויבט, אז מען זאל קאנען איינפרעבען ארץ־ישראל בדרך הטבע... און אזוינע זענען געווען א סך. אבער די סאמע הויפט־סבה איז געווען די שרעקליכע גלייכגילטיגקייט צו כלל־זאכען.

צום בזיון פון אונזערע זיידעס, וואס האבען געלעבט צוריק מיט ק"ן יאהר, מוזען מיר זאגען, אז זיי זענען געווען קאלט, ווי אייז, צו יעדען גוטען און נוצליכען ענין פאר אונזער פאלק. דער ביטערער גלות מיט'ן שרעקליכען קנעכטשאפט האבען פערשטאפט זייערע הערצער און פערגליווערט זייערע געפיהלען אזוי, אז זיי האבען ניט געוואוסט פון קיין אנדערע זאכען, נאר זייערע פריוואט־אינטערעסען און איינענע נוטצען. דאס גאנצע לעבען פון אונזער פאלק האט זיך דאן פערבונדען ביי צוויי פונקטען: די בעסערע פון זיי האבען זייער גאנץ לעבען אפגעגעבען דער פזן... און די ערגערע — דעם גזלה.

ווײַטער פון די צוויי פּונקטען האָבען זיי ניט געקוקט און גאָרניט געטהון. מהיכי תיתי, ארץ־ישראל וואָרטען זיי אודאי אויך געוואָלט, נאָר עס זאָל געשעהן פון זיך, אָהן קרבנות פון זייער זייט. אָהן געלד און אָהן טרחה. אויפּלעבען דאָס פאָלק און די שפּראַך — אויך מהיכי תיתי, אָבער נור ווען עס זאָל זיך אַליין אָפּטהון, אָהן מיה, און בעזונדערס, אָהן הוצאות. יודען זאָלען עמיגרירען אין די ווײַטע לענדער מעבר לים — אויך גוט בּיי זיי, נאָר בתנאי, אַז די עמיגראַנטען זאָלען בּיי זיי קיין שטיצע ניט פאָדערען... אַזוי, ווײַזט אויס, איז געווען דעמאָלט דאָס גאַנצע פאָלק, און אַפילו די פיינערע פון זיי, וועלכע מ'האָט דאַן גערופען „אינטעליגענטען" — געבילדעטע יונגע לײַט. זיי האָבען געהאַלטען פונ'ם ווערטער: „אַלעס וואָס דו ווילסט, אַבי ניט — די מטבע.

ב.

אין אשרות האָב איך מיך פערזוימט דרײַ טעג און געוואַרט בּיז עס וועט אָבגעהן די שיף „יהודי המכבי", וועלכע געהערט צו דער „יודישער עלעקטרישער שיפען־קאָמפּאַניע אין יפו". אין משך פון די דרײַ טעג האָב איך אויסגעקוקט די שטאָדט. איך האָב מיך צוגעקיקט צו אַלע מערקווירדיגע זאַכען, און בעזאָנדערס צו אַלעס, וואָס איז נוגע צו אונז, יודען.

די שטאָדט איז זעהר גרויס און עס זענען דאָ אַ סך גאַסען, וועלכע האַלטען אַ פּאָר מײַל אין דער לענג אדער נאָך מעהרער, די עלעקטריע בעלײַכט אַלע גאַסען און הײַזער און ס'איז ליכטיג בײַנאַכט, ווי בײַטאָג. דער עלעקטרישער טראַמוויי לויפט איבער'ן שטאָדט, פון איין עק ביז'ן אַנדערען, די בנינים זענען שעהנע ביז גאָר און אַ טייל זענען פון ווײַסען מאַרמאָר, די צאָהל אײַנוואוינער איז, לויט דער לעצטער סטאַטיסטיק, מעהר פון אַ מיליאָן. דער פּאָרט איז גרויס און בערימט און קאָנקורירט מיט די פּאָרטען פון מאַרסעל און האַמבורג, בעזאָנדערס איז דער מסחר ענטוויקעלט מיט די מזרח־לענדער בכלל און מיט ארץ־ישראל בפרט. ווייל די יו=

דען, וועלכע וואוינען אויפ׳ן גרענעץ פון אזיען און אפריקא
און פערשטעהען גוט דאס רוסישע לשון און די מנהגים און
האנדעלס=בעדינגונגען, פיהרען ארויס סחורות פון די מזרח=
לענדער קיין רוסלאנד, און דאס אלעס געהט דורך אשרות.
דערפאר איז אשרות געווארען א שטאדט פון אינטערנאציאנא=
לען מסחר, און אלע טאג געהען שיפען פון יפו קיין אשדות
און פון אשדות קיין יפו; שיפען, וועלכע פיהרען אלע טייערע
פראדוקטען פון די מזרח=און צפון=לענדער. צוליעב איהר גרויס
האנדעל האט זיך געמערקט איהר רייכקייט, און זי איז גע=
ווארען גרויס און זעהר שעהן. די אשדות׳ער איינוואהנער ווייי=
סען צו שעצען די ארבייט פון די יודען לטובת דער שטאדט
און איהר מסחר. און דערום האט מען, פון זייער כבוד וועגען,
נען, אנגערופען איינע פון די גרעסטע גאסען: „יפו׳ער גאס“.
דעם שעהנסטען פלאץ האט מען א נאמען געגעבען: „ירושלים=
פלאץ“, און דעם שטאדט=גארטען — „ארץ=ישראל“.

„אשל ירושלים“ ביים גרויסען ים — איז א יודישער האָ=
טעל, איינער פון די גרעסטע און שעהנסטע אין אשדות. ער
איז געבויט אויף דריי שטאק און האט עטליכע מאות צימע=
רען. דער האטעל צייכענט זיך אויס פון אלע האטעלען דער=
מיט, וואס דא איז די הויפט=שפראך — לשון=קודש. עס איז
זעלבסטפערשטענדליך, אז מען פערשטעהט דא אנדערע שפרא=
כען אויך. דער האטעל „אשל ירושלים“ צייכענט זיך אויס
אויך דערמיט, וואס דארט איז די קיך בתכלית הכשרות. ביי
היינטיגע צייטען איז דאס גאר ניט אזוי שווער אויסצופירען
ווי א מאל, ווען דאסווארט „כשר“ איז עפעס געווען א בזיון
פאר ניט=יודען און אויך פאר פיעל יודען. איצט איז דער נא=
מען „כשר“ שוין גאר א ליעבער און אן אנגענעהמער. דער
נאמען „כשר“ בעווייזט אויף העכסט=ריינקייט, און די
בדיקה פון דער ריאה איז שוין איינגעפיהרט געווארען אין
אלע שעכט=הייזער, ווייל דאס היט אפ פון שווינדזוכט, און א
סך עסטעטיקער פון די אומות העולם האבען שוין ביי זיך
איינגעפיהרט פלייש=זאלצלעך אויך; ווארום מ׳האט שוין ענדליך
אנגעהויבען צו פערשטעהן דאס מאוסקייט פון בלוט... פער=
שטעהט זיך, אז דער רוב יודען, וועלכע קומען קיין אשרות,

שטעלען זיך אָב אין דעם האָטעל „אשר ירושלים“, און אפילו די, וואָס פערפאָרען ערגעץ אַנדערש, קומען א העך עסען; דערום קען מען דאָ ביים טיש בעגעגענען יודען פון אלע לענדער.

צו מיטאָג האָבען מיר דאָ בעגעגענט דעם „רב הגדול“ פון ווילנא, וועלכער פאָהרט אויך קיין ארץ־ישראל; דעם הערר אשכנזי, בירגערמייסטער פון חברון, דעם פראָפעסאָר יהושע בן נון פון דער באָטאַנישער אַקאַדעמיע אין ראשון לציון, אבנר בן נר, א פראנצויזישער פאָלקאָווניק, מנשה בן ישראל, א ריכטער פון לאָנדאָן מיט זיין פרוי, אבישי בן צרויה, א פאָלקאָווניק פון איטאַליען, ברוך בן נריה, א קאָרעספאָנדענט פון דער צייטונג „בית ישראל“ און נאָך פיעל סוחרים און בעאַמטע. — עס איז פערגאַנגען א שמועס וועגען דער ירושלים׳ער אויסשטעלונג, וועלכע וועט, ווי א סך מבינים זאָגען, זיין גאָר גרויסאַרטיג, זי וועט א סך איבערגעהן די אויסשטעלונג, וועלכע איז געווען צוריק מיט צוויי יאָהר אין מאַדריד, די הויפט־שטאָדט פון שפּאַניע. ראשית, איז דאָס אָרט זעהר צוגעפּאַסט צו אַזעלכע זאַכען, ווייל ירושלים שטעהט כמעט אין דער מיט וועלט, און ניט אומזיסט האָט מען פאָראויסגעזעהען אויף דער אַלגעמיינער סוחרים־פערזאַמלונג פאָרגעלעגט, אז מען זאָל אין ירושלים גרינדען א שטענדיגע אויסשטעלונג און ס׳איז זעהר מעגליך, אַז אין קומענדיגען יאָהר וועט דאָס ענדגילטיג בעשלאָסען ווערען. דאַן וועט ירושלים ווערען דער אַלגעמיינער מאַרק פאַר דער גאַנצער וועלט. און נאָך איין זאַך: די יודישע אויסשטעלונג וועט געוויס איבערגעהן די שפּאַנישע דערפאַר, ווייל די שפּאַניער זענען בכלל ניט אַזוי פעהיג צו אַרבייטען ווי יודען. — דער ראש העיר פון חברון האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז בעזאָנדערס וועט זיך אויסצייכנען די אָבטיילונג פון „ים המלח“ מיט אידרע זאַלצען, מינעראַלען, שוועבעל און אַנדערע מאַטעריאַלען, און אויך די גלאָזוואַרג, וואָס ווערט געמאַכט אין חברון און אין דער סביבה. און דער פּראָפעסאָר יהושע בן נון האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז די גרעסטע און פאָלקאָמסטע וועט זיין די אָבטיילונג פון פלאַנצונגען און גראָזען, אַז די באָטאַנישע אַקאַדעמיע פון

ראשון לציון וועט פערנעהמען דאָס ערשטע פּלאַץ. — ווייל — זאָגט ער — חאָטש די יודען האָבען זעהר פיעל אויפגעטהון אין אלע צווייגען פון מסחר און פאַבריקאַציע, נאָר דאָך איז זייער קענטניש און געניטשאַפט דער עיקר אין ערד-אַרבייט און אין פלאַנצונגען, אין וועלכע זיי האָבען אַרויסגעוויזען וואונדער-ליכע פעהיגקייטען. די יודען זענען בכלל אַ פאָלק פון עקסטרעמען, פון שתי הקצוות: האָבען זיי פערלאָזט ערד-אַרבייט זענען זיי געוועזען פון איהר אינגאַנצען אָבגעריסען; האָבען זיי זיך אָבער גענומען צו׳ן איהר, האָבען זיי זיך שוין גענומען מיט לייב און לעבען, פונקט ווי זיי דיענען גאָט מיט מסירת נפש, און זיי האָבען געלערענט קענען זייער ערד גלייך ווי זייער תורה, מיט אַלע פרטים און דקדוקים. זיי האָבען צונויפגעזאַמעלט קיין ארץ-ישראל אַלע מיני פלאַנצונגען און געוואוקסען, וואָס געפינען זיך אויף דער גאַנצער וועלט, און האָבען זיי פערזוכט און פערפלאַנצט אין טאָלען און בערג, יעדען געגעבען זיין אָרט נאָך זיין נאַטור נאָך. זייערע אויס-פרובונגען זענען זיי געראָטען און אַ סך פון די פלאַנצונגען, וועלכע זיי האָבען ביי זיך פערפלאַנצט, זענען דאָ געראָטען בעסער, ווי זייער געבורטס-לאַנד. די טהע פון עמק השרון און דער קאַפע פון די טאָלען אַרום ירדן זענען בעסער פון דער חינעזישער טהע און פון דעם אַראַבישען קאַפע.

ה׳ חן-טוב, דער בעל-הבית פון דעם האָטעל, וועלכער איז אויך געזעסען ביים טיש, האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז פון אַלע פּראָדוקטען פון׳ם לאַנד איז דער וויין דער בעס-טער און אויף דער אויסשטעלונג וועט ער פערנעמען דעם וויכ-טיגסטען פּלאַץ. און פאַר אַ בעווייז צו זיינע ווערטער האָט ער געהייסען אַרויפנעהמען דריי בוטעלקעס וויין פון׳ם קעלער. און מ׳האָט טאַקע באַלד געבראַכט: רויטען וויין פון ראשון לציון (מאַרקע „בנימין), ווייסען פון רחובות (מאַרקע „חובבי ציון”) און אַלטען וויין פון זכרון יעקב פון יאָהר תשפ״ב. מ׳האָט נור אַראָפגעריסען די חתימות, זענען די קאָרקען מיט רעש אַרויסגעפלויגען, און דער וויין האָט שוין געפינקעלט אין די בעכער ווי גאָלד, אַז עס איז געוועזען אַ מחיה צו קוקען. די בעכערלעך האָבען אַרומגעטאַנצט אַרום טיש און אַלע האָבען

געטרונקען. דאן זענען מיר שוין אלע געקומען צו דער מײַנונג, אז דער ווײַן וועט זײַן די קרוין פון דער אויסשטעלונג... דער הער יהושע בן נון האט גאר ניט געזאגט, נאר ער איז אויפגעשטאנען פונ׳ם טיש און האט געהייסן שטעלען דעם סאמאוואר. ער איז אוועק צו זיך אין צימער און אין אײניגע מינוטען ארום האט ער זיך אומגעקערט מיט א פושקע טהע אין האנד, און א זיסער גערויך, א ריח גן עדן, איז זיך צוגאנגען פון דער פושקע. א פארע האט זיך אויפגעהויבען פון סאמאוואר און דאס צימער האט זיך אנגעפילט מיט א ריח־בשמים. באלד האט מען אנגענאסען די גלעזער און מ׳האט געטרונקען. דאן זענען שוין אלע געקומען צו דער מײַנונג, אז דער טהע וועט ניט אראפפאלען פאר׳ן ווײַן מיט זײַן געשמאקען טעם. דא האט זיך אנגעהויבען א שפּארעניש: וואס איז פארט בעסער? דער זאגט אזוי און דער—אזוי, ביז מרת שושנה, דעם ריכטער׳ס פרוי פון לאנדאן, האט פארגעלעגט א פשרה: כדי בײדע ניט צו פערשעמען, זאל מען—ארײַנמישען דעם ווײַן אין דער טהע... אלע האבען מסכים געווען צו׳ן איהר גוטע עצה. און מיר האבען אלע געטרונקען און אויסגעשריגען: „פרעה זיך, ראשון לציון, מיט דײַנע פלאנצונגען און, רחובות, מיט דײַן ווײַן, און אויך זכרון זאל דערמאהנט ווערען צו גוטען!"

אויף מארגען האבען מיר בעזוכט דעם רב פון אשדות, וועלכער איז אײַנער פון די גרעסטע רבנים אין רוסלאנד, זײַן נאמען איז בעריהמט אויך צווישען די גרויסע רבנים אין ארץ־ישראל. ער איז א רב און א געבילדעטער אויך אין אלגעמײַנע חכמות. זײַנע גרויסע־קענטעניסען אין תלמוד זענען ענטדעקט געווארען פון זײַן ספר, וועלכען ער האט אנגעשריבען אויף סדר נזיקין. רבנים און למדנים האבען געזעהן און האבען איהם געלויבט. די רבנים מיט די גאונים און אויך די פראפעסארען פון די אוניווערזיטעטען אין ירושלים און אין צפת האבען געגעבען זײַערע הסכמות אויף איהם. צוריק מיט אײניגע יאהר האט איהם די צפת׳ער אוניווערזיטעט געבעטען ער זאל דארט אננעמען די קאטעדער פון יוריספרודענץ, נאר ער האט מחמת זײַן גרויס ענוות — ער איז נאך דעמאלט

געוועז זעהר יונג—ניט אנגענומען די געהויבענע שטעלע, און איז געבליבען דא אין דער גרויסער ישיבה. וועלכע מען רופט דא „דאס יודישע סעמינאריום”. ער איז אויך דער פארזיצענדער פון דער „היסטארישער געזעלשאפט”.

די ישיבה איז דאס גאנצע פערנעמונגען פונ׳ם רב. מיט איהר בערימט ער זיך און זי איז זיין כבוד און זיין ציערונג. דער רב, האט אונז פיין אויפגענומען און, נאכדעם ווי ער האט מיט אונז געשמועסט אביסעל מעניגא דיומא, האט ער אונז פארגעלעגט, מיר זאלען בעזוכען מיט איהם די ישיבה.

די ישיבה געפינט זיך אין מיטעלסטען הויף פון דער גרויסער שוהל, וועלכע איז איינס פון די שעהנסטע בנינים אין שטאדט, און האט אבגעקאסט אנדערטהאלבען מיליאן רובל, אין דעם איינענעם הויף איז אויך די געמיינדע-פערוואלטונג... דא איז אויך די גרויסע ביבליאטעק פאר יודישע ביכער, און נאך איינינע קהל׳ישע אנשטאלטען, אין דער ישיבה לערנען מער פון צוויי הונדערט תלמידים. זי האט זיבען קלאסען יעדער קלאס איז געטיילט אויף צווייען, איין טייל — אויף אידישע און דער צווייטער — אויף אלגעמיינע למודים, דאס פראגראם פון די ערשטע למודים איז ווי אין די מיטעל-שולען, און פון די צווייטע — איז ווי אין די אינסטיטוטען פאר לעהרער אין ארץ-ישראל. די, וואס ענדיגען די ישיבה, פרעטען ארייין אין אוניווערזיטעט אהן עקזאמען, סיי אין רוסלאנד סיי אין ארץ-ישראל. און די וואס ענדיגען אין ירושלים אדער אין צפת און בעקומען דארט סמיכה, ווערען אנגענומען פאר רבנים סיי אין ארץ-ישראל, סיי אין חוץ לארץ, ווייל די אוניווערזיטעטען פון ירושלים און צפת ווערען גערעכענט צווישען די בעסטע אין איראפא און אין אזיען, בעזאנדערס צייכנען זיי זיך אוים מיט די למודים פון די יוריספרודענץ און א סך פון ירושלים׳ער און צפת׳ער תלמידים זענען אנגענומען געווארען פאר פראפעסארען אין איראפא און האבען דארט א בעריהמטען נאמען, דער רב פון אשדות איז אויך איינער פון זיי, און אלע מאל, ווען ער האלט א לעקציע אין דער הינער

אוניווערזיטעט, איז די אודיטאָריע פול מיט סטודענטען, וועל־כע דורשטען נאָך זיינע ריידי.

דער רב האָט אונז אריינגעפיהרט אין פינפטען קלאַס. דאָרט האָבען זיך געפונען 40 תלמידים. דער רב האָט פאַר זיי געזאָגט אַ שיעור אין דער גמרא בבא־מציעא. דער רב האָט זיי ערקלערט די סוגיא אויסגעצייכענט און צוגעגלייכט אויך צו די געזעצען פון אנדערע פעלקער.

דערנאָך האָט דער רב אונז פאָרגעלעגט, מיר זאָלען אביסעל עקזאַמענירען די תלמידים. מיר האָבען זיך ניט גע־לאָזט שטאַרק בעטען, האָבען זיי עקזאַמענירט אין עטליכע ערטער, און זיי האָבען גוט געענטפערט אויף אַלע אונזערע שאלות.

בבבל איז אשדות איצט אַ מקום תורה, אַזוי אַז אונזערע עלטערען האָבען זיך עס אפילו ניט געחלומט. פאַרצייטען איז געוועזען אַ ווערטיל, אַז „זיבען מייל ארום אשדות ברענט דער גיהנום“. און לויט מיר זעהען פון דער היסטאָריע פון דער דאָזיגער געמיינדע ווייזט אויס, אַז עס איז טאַקע אַזוי געוועזען... אשדות איז דעמאָלט געוועזען אַ שטאָדט פון „אריסטאָקראַטישע“ גראָבע יונגען און בעלי־תאוה'ניקעס. יודישע משכילים איז גע־ווען גאַנץ ווייניג, די יודען האָבען זיך בכלל איבערגעבי־טען און די יודען פון אשדות אויך מיט זיי, ווייל אשדות גע־פינט זיך ביים וועג קיין ירושלים, בעקומט זי דעם איינפלוס פון'ם מקור פון „יודישען לעבען“. און איצט געהט פון איהר ארויס תורה פאַר'ן גאַנצען דרום, און פון אַלע שטעדט פון דער סביבה קומען אַ הער אן תלמידים צו לערנען אין דער גרויסער ישיבה.

ג.

דריי טעג האָבען מיר זיך פערזאַמט אין אשדות, דער־נאָך האָבען מיר זיך געלאָזט ווייטער קיין מזרח.

מיט צווייערליי וועגען פאָהרט מען איצט פון אשדות קיין ארץ־ישראל: דורך דער לופט, אויף אַן עראָפּלאַן, און

מיט'ן ים אויף א שיף. דער ערשטער וועג איז פיער בעסער פונ'ם צווייטען, ווייל אין צוויי טעג קומט מען קיין ביירוט. נור ערשטענס, איז דער וועג ניט אזוי געזיכערט ווי מיט א שיף, ווארום נאך אלע גרויסע המצאות מיט נייעסטע מאשינען, וואס מ'האט שוין ערפונדען, — איז נאך דער אעראפלאן ניט בתכלית השלימות. צווייטענס, פאר אזא רייזענדען ווי איך, יועלכער פאהרט מיט'ן צוועק אלעס אויבצוזעהען און צו בעטראכטען, איז בעסער צו פאהרען מיט דער שיף איידער מיט'ן אעראפלאן, וועלכער הויבט זיך אויף אין דער הויך איבער בערג און טאלען, וועלדער און טייכען, ימים און מדבריות, דערפער און שטעדט און דו קאנסט גאר ניט זעהען. אבער די שיף איז גאר עפעס אנדערש, זי שטעלט זיך אב אין וועג און מען קאן אלעס אויסזעהן און בעטראכטען.

פארצייטען פלעגען אונזערע זיידעס — די ערשטע חובבי ציון, פאהרען פון אשדות קיין יפו גאנצע צוויי וואכען, זיי האבען אין וועג געליטען צרות מיט וועהטאגען, און די מאטראסען מיט די קאפיטאנען פלעגען נאך פון זיי אביסעל אבשפעטען. פונדעסטוועגען האבען זיי זיך דעמאלט ניט בעקלאגט אויף זייער ביטערען גורל, ובפרט נאך איצט. . . די עלעקטרישע שיף געהט געשווינד, האטש ניט ווי דער אעראפלאן, דאך קומט זי פאר פיער טעג קיין ביירוט. די ים-קרענק שרעקט שוין היינט אויך ניט איבער, ווייל די מעדיצין האט צו'ן איהר געפונען א תרופה און פאר די שטורם-ווינדטען האט מען אויך קיין מורא ניט, ווייל מיט דער עלעקטרישער מאשין קאן מען שוין איינשטילען דעם ים אין א געוויסען שטח ארום דער שיף.

די עלעקטרישע שיף „יהודה המכבי" איז געשטאנען אויפ'ן אנקער, און די פאהן „מחנה יהודה" איז געוועזן אויפגעהויבען אויף איהר. די דאזיגע שיף איז איינע פון די גרעסטע און די בעסטע. זי איז געבויעט געווארען נאר אויף צו פיהרען פאסאזשירען, ניט קיין משא. די לענג פון דער שיף איז דריי הונדערט איילען, איהר קראפט איז צוויי „טויזענד פערד", און זי מאכט דרייסיג ווערסט א שעה, זי איז איינגעארדענ- מיט אלע מיני בעקוועמליכקייטען, ווי למשל: א זאל

פאר טענץ און געזאנג, א לעזע=זאל, א שוהל וכדומה — אלעס אויפ'ן בעסטען אופן. בעזאנדערס צייכענט זיך אויס די ק.ד. אין איהר געפינען זיך מיני מאכלים און משקאות פון אלע דריי טיילען וועלט: אייראפא, אפריקא און אזיען, און פער=שטעהט זיך, אלעס אויפ'ן בעסטען אופן און כ ש ר. די שיף איז געבויט געוואָרען אין יאהר תשמ"ח, אין פאָרט פון דער שטאָדט עכו; זי איז אינגאנצען פון כרמל=אייזען, וועלכעס ווערט אויסגעארבייט אין די פאבריקען פון „אפרים ומנשה" אין קיסרין. אלע הילצערנע כלים זענען פון די צעדער=בוימער פון לבנון. די גלעזערנע כלים זענען פון דער זאמד, וואָס אין די געגענדען פונ'ם ים המלח, און די מעטאלענע כלים — פון די רודערס, וואָס אויף די בערג פון אפרים. דער שיפס=קאפיטאן, יונה בן אמתי, האט געענדיגט די ים=אקאדעמיע אין יפו, זיי=נע געהילפען — דעסטגלייכען. די מאטראָסען האבען אלע געלערענט אין דער מאטראָסען=שול אין ביירות, און דער מא=שיניסט, הערר ברזילי, האט געענדיגט די טעכנישע שולע אין עין=גדי.

פון דער שיף האט זיך געהערט קלינגען: איינס און צוויי — און דער מאשיניסט האט געגעבען א פייף און א קוועטש אן פערשיעדענע קנאפקעס, און די שיף האט זיך אנגעהויבען דערווייטערען פונ'ם ברעג. די רייזענדע, אן ערך פון פינף טויזענד פערזאן, דאס רוב יודען, האבען זיך אלע פערזאמעלט אויפ'ן דעק, כדי צו ווארפען זייער לעצטען בליק אויף דער שטאָדט, איידער זיי פערלאָזען זי. די שיף לאָזט זיך געהן אביסעל גיכער און אין איינינע מינוטען ארום איז זי פערשווינדען געוואָרען פונ'ם ברעג. מען האט שוין נור ארויסגעזעהן די שפיצען פון די טורעמס. נאך א פאָר מינוט, מען זעהט שוין גאָר ניט און די שיף לויפט צווישען הימעל און ערד.

פליצלונג האט זיך אויפגעכאפט א שטארקער ווינד, די כוואליעס פונ'ם ים האבען זיך אויפגעהויבען, און דא הערט זיך פונ'ם טאנץ=זאל א זיס, הויך געזאנג וואָס ציהט צו זיך צו. אונזערע יודען זינגען, איינער זינגט, און צוויי פאָר אויף „פיער הענד" שפיעלען צו אויף פיאנע, לויט די נאָטען פון

בעריהמטען קאמפאזיטאר בן־אפרים, צום ים ליעד: „סבי גלגלים והמו גלים" („דרעהט אייך, רעדער, און רוישט איהר חוואליעס") וואס געהערט דעם פאעט פון אפרת.

דער ים האט זיך בערוהיגט און די מאשינע איז שטיל געבליבען, מען הערט פון איהר קיין שארך ניט, און אלע רייזענדע זענען ווי פערשטומט געווארען—מען שווייגט און מען הערט זיך צו...

יודען האבען פון אייביגע יאהרען אן א גרויסען טאלאנט צום זינגען און צום שפיעלען, און אפילו אין די שרעבטע צייטען האבען זיי דאס אויך ניט פערגעסען, נאר אין דעם לעצטען יאהר־הונדערט האבען זיי גאר געמאכט גרויסע שריט אין מוזיק. אזעלכע קאמפאזיטארס ווי בן אפרים, חזקיהו בן ראובן, זענען אומעדום בעריהמט געווארען מיט זייערע נגונים, וועלכע מען זינגט אין דער גאנצער וועלט. ווייל ס'האט די יודען זיך איינגעגעבען, פון זינט זיי האבען בעקומען רוה אין זייער לאנד, צו פעראייניגען די מזרח'ישע מוזיק און איהר טיעפקייט — מיט דער פאעזיע פון די מערב־לענדער און איהר שעהנקייט; די אלטע פאעזיע און אלע איהרע סורות—מיט דער צוקינפטיגער פאעזיע און איהרע נייע ענטדעקונגען.

דאס געזאנג האט זיך געענדיגט. ס'האט זיך געדאכט ווי אויפ'ן ים האבען זיך געטראגען די לעצטע ווערטער: „דרך לעביר גאולים כלב ים"... די רייזענדע הערען זיך נאך צו און דער ווינד האט ווידער אנגעהויבען צו בלאזען און די חוואליעס צו רוישען, די מאשינע—עפעס בלאזט זי און פייפט, און דער גלאק, וואס אויפ'ן זעגעל־בוים, רופען צונויף דעם עולם צום עסען.

דער טיש איז געווען א יודישער און אלע מאכלים יודישע: בראנפען, ווי אין די צפון־לענדער, ווייסער וויין און רויטער פון חברון און רחובות, געפילטע פיש, ווי ביי יודען פרייטאג־צונאכט'ס און יום־טוב, געבראטענס „ושמחת בחגך", זופ—ווי כהנים עסען, גרינס—פון די פעלדער פון ירדן. מרור — „וימררו את חייך", פיינע צימעסלעך פון די פרוכטען פון

גינסר, און אויף צו פערבייסען — מאראנצען פון ראשון לציון און קאפע פון די טאלען פון ירדן.

ביי דער סעודה האבען זיך די רייזענדע בעקענט איינער מיט'ן צווייטען. און חוץ אונזערע פיעלע בעקאנטע פון אשרות האבען זיך געפונען צווישען אונזערע נייע בעקאנטע: „נייע פארלעך", וועלכע פאהרען, ווי מיר, צו פערברענגען דעם „גאלדענעם חודש" אין ארץ־ישראל; אויך רייכע לייט, סוחרים און פאבריקאנטען, וועלכע פאהרען צוליעב דער אויסשטעלונג; אויך שילער, וועלכע פאהרען זיך לערנען אין די הויכע שולען, וואס אין ארץ־ישראל, און איינינגע הויכגעבילדעטע בעאמטע, און ווייל עס האבען זיך געפונען אזעלכע „פארלעך", ביי וועלכע עס האט זיך נאך ניט געענדיגט די חתונה־וואך, האבען מיר זיי טאקע דא געמאכט „שבעה ברכות". דער רב הגאון פון ווילנא האט געמאכט די ברכה אויף א כוס און איינער פון אונזער חברה האט געזונגען די שבעה ברכות אויסגעצייכענט. נאך דער סעודה האבען מיר פערפיהרט א שמועס וועגען דעם מנהג צו פערברייננען דעם „גאלדענעם חודש" אין ארץ־ישראל, האט אונז דער שיפס־קאפיטאן יונה בן אמתי דערצעהלט, אז דער דאזיגער שעהנער מנהג ווערט פערשפרייט בימלעכווייז אין אלע ערטער, וואו נאר עס וואהנען יודען. בעזאנדערס פערשפרייט זיך דער מנהג צווישען אונזערע ברידער אין דרום אמעריקא, אין ארגענטינא, און די פראווינצען פון יענע ווייטע לענדער מיהען זיך מיט אלע מעגליכקייטען צו פערבריינגען לכל הפחות איין טאג פון דער חתונה־וואך אין ארץ־ישראל; זיי פאהרען מיט'ן עראפלאן און אין א משך פון פינף טעג קומען זיי קיין ארץ־ישראל. בכלל האט דער שיפס־קאפיטאן זעהר געלויבט די דאזיגע ווייטע ברידער אונזערע, וואס זיי טהוען אלע מעגליכקייטען כדי צו דערנעהענטערען זיך צו אונזער לאנד: זיי נעהמען, למשל, לעהרערס פון ארץ ישראל, רבנים, פראפעסארען אין זייערע אוניווערזיטעטען — פון ארץ־ישראל, זייערע קינדער שיקען זיי צו ענדיגען זייער לערנען אין ארץ־ישראל, און זייערע רייכע לייט, זייערע מיוחסים, טהוען שדוכים פון ארץ־ישראל, בעזאנדערס מיט די מיוחסים פון ירושלים. אט אזוי פעראייניגט

זיך מזרח מיט מערב. און אונזערע ברידער פון די ווייטע לענדער, וואס וואוינען אין עק וועלט, געדענקען און דערמאנען תמיד דאס הייליגע לאנד. ירושלים רעכענט זיך איצט, ווי די הויפט-שטאדט פון ארגענטינא.

ארום האלבע נאכט זענען מיר געקומען קיין קאנסטאנטינאפאל, און אויפ׳ן פיערטען טאג אין אווענט זענען מיר געקומען קיין ביירוט.

אמת, ביירוט איז איינע פון די גרעסטע שטעדט אין ארץ-ישראל און דער האנדעלס-צענטער פון די גובערניעס לבנון און חרמון. ס׳איז דורכגעפיהרט פון דארטען די אייזענבאהן קיין דמשק און קיין ליש, וואס ביים ירדן; אויך וואהנט דארט דער גובערנאטאר פון לבנון און ס׳געפינען זיך אין איהר די הויפט-פערוואלטונג איבער די בערג-רודעס אין צפון ארץ-ישראל און די הויכע בערג-שורע. דאך דער רייזענדער, וואס פאהרט קיין ארץ-ישראל צום ערשטען מאל, לאזט זי דורך און פאהרט ווייטער, ווייל דער הויפט-צוועק פון זיין רייזע איז ירושלים — דער צענטר פון יודענטום און דאס הארץ פון פאלק. פון ירושלים פאהרט מען ווייטער, קיין צפון און דרום, קיין מזרח און מערב כדי אויסצוקוקען דאס לאנד.

ס׳איז געווארען טאג, און מיר האבען פערלאזט דעם פארט און זענען דורכגעפאהרען די שטעדט און דערפער: עין יעקב, גבעת בנימין, סולם צור, בית העמק, רמת הלבנון, עכו, כרמל, חיפה, כרמל חדש, עמק השלום, קריתים, הר בנימין, צמח דוד, חדרה... און גאך אנדערע רייכע שטעדט און דערפער. א טייל פון זיי זענען ערשט אויפגעבויעט געווארען און א טייל זענען נאר בענייט געווארען פון די עולי-גולה.

דער גאנצער ברעג פון ביירוט קיין יפו זעהט אויס נאר ווי א גן-עדן: דערפער פול מיט אלעם גוטען און שטעדט שעהן-געבויעטע מיט גוטע פארטען און פאבריקען. מען קאן זיך זאט ניט אנקוקען אין דער שעהנער געגענד. די נאטור האט דא אויסגעגאסען אינגאנצען איהר שעהנקייט: פון ווייטען קוקען ארוים בערג, הויכע ביז די וואלקענס, אויף זייערע שפיצען ליגט א אייביגער שנעע; די טאלען זענען בעוואקסען מיט אלערליי געוואוקסען און תבואות; די הויכע טענענבוימער

פון לבנון קוקען ארויף ביז'ן הימעל, און די שעהנע זון פון מזרח־לאנד, פון ארץ־ישראל, בעשיינט דאס אלעס מיט איהר ליכט. דער ים התיכון לעקט די פיס פון די הויכע בערג, גלייך ווי ער דערצעהלט דער וועלט די סודות פון די בערג און וואס פאר א אוצרות ס'זענען בעהאלטען אין זיי... עס איז נים איבערצוגעבען די גאנצע פראכטפאלע שעהנקייט פון דער דאזיגער געגענד, וועלכע איז איינע א געבענשטע אין דער וועלט.

פארצייטענס פלעגט מען פאהרען מאכען לוסט־רייזעס אין דער שווייץ, אין אייראפא, אבער קען זיך דען די שווייץ גלייכען צו ארץ־ישראל? — א לויטערער הימעל, א ווארימע זון, א זיסע לופט און דער ים התיכון! — אין דער שווייץ איז דאס אלעס ניטא. דערצו האבען זיך נאך אונזערע יודען בעמיהט צו פערפאלקאמען די שעהנקייט פון דער נאטור. זיי האבען אויסגעבויעט פאלאצען אין טורעם'ס און דורכגעפיהרט קאנאלען, אייזענבאהנען, פערשיעדענע וועגען, געמאכט בריקען, אעראפלאנען, און מענשליכע פערגעניגענס, און דערום קומען אהער מענשען פון אלע עקען וועלט, כדי צו פערברייגען און שעפען תענוג.

צו מיטאג־צייט האט זיך די שיף אפגעשטעלט ביים פארט פון יפו.

אויפ'ן זעגעל־בוים איז געשטאנען די פאהן פון „מחנה יהודה", פונ'ם שפיץ טורעם, וועלכער געפינט זיך אין שטאדט, האט אויסגעשאסען אן הארמאט, אנצוזאגען די בשורה, אז עס איז אנגעקומען א שיף מיט „פיינע אורחים", און באלד האט זיך פערזאמעלט א גרויסער המון ביים ברעג. די גאנצע גאס „הים התיכון" איז פול געווארען מיט מענשען: און דא האט זיך פלוצלינג דערהערט א געזאנג פונ'ם שיף און פונ'ם ברעג צוזאמען, מען זינגט דאס נאציאנאלע ליעד:

שאלו שלום ירושלים—ישליו
אוהביך
מים ומקדם, מנגב ומצפון—
ינהרו בניך.

(פרעגט נאָך דעם שלום פון ירושלים,
זאָלען זיך בערוהיגען דיינע ליעבהאָבער.
פון מערב און פון מזרח, פון דרום און פון צפון
ציהען צו דיר דיינע קינדער.)

און טויזענדער קולות פון דער שיף און פונ׳ם ברעג האָבען זיך פעראייניגט אין איין קול, אַ שטאַרקס און אַ זיס קול, אַז הימעל און ערד האָבען זיך צוגעהערט... און די חוואַליעס פונ׳ם ים האָבען דאָס געזאַנג צוטראָגען אין דער גרויסער וועלט אַריין — וואו נאָר עס וואוינען יודען...

עס האָט זיך געענדיגט דאָס געזאַנג און די רייזענדע זענען אַרויס אויפ׳ן ברעג. דער ראש פון דער שטאָדט מיט די פני העיר האָבען אונז בעגריסט, ווי דער מנהג איז, דערנאָך האָבען מיר זיך צושיידט און זענען אַוועק אין פאַרשידענע האָטעלען.

ד.

די שטאָדט יפו, ווייל זי איז דער איינציגער פּאָרט פונ׳ם מיטלענדישען ים, איז זי געוואָרען ווי אַ פענסטער פאַר אייראָפּאַ און ווי אַ טויער פאַר דער גאַנצער וועלט.

די יודען פון גלות מצרים זענען געקומען קיין ארץ־ישראל ניט דורך יפו, און אַז נבוכדנצר האָט פערטריבען די יודען אין גלות אַריין האָט ער זיי אויך ניט געפיהרט דורך יפו. אויך אַז זיי האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט פון בבל און פרס, זענען זיי אויך ניט אַריינגעגאַנגען דורך יפו. נאָר בעת׳ן חורבן פון בית שני זענען די יודען פערטריבען געוואָרען קיין רוים דורך יפו, און אַז זיי זענען געקומען צוריק, זענען זיי אויך אַריינגעגאַנגען דורך יפו. און נאָך 18 הונדערט יאָהר גלות אין פערשיעדענע לענדער, איז יפו ווידער געוואָרען די ערשטע, וועלכע האָט אויפגענומען די צוריקגעקומענע. די גאַנצע צייט, ביז׳ן אָנהויבען דעם נייעם ישוב, צוריק מיט ק״ן יאָהר, איז יפו געווען אַ קליינע שטאָדט און איהר האַנדעל איז געווען קליין. דער פּאָרט איז געווען פערלאָזט און וויסט, און די

שיפען פלעגען אהין ניט קאנען צוקומען, די וועגען זענען אלע פערדארבען געווארען, מחמת קיין רייזענדע זענען ניט געווען, די ערשטע קאלאניסטען האבען פערשטאנען דעם ווערטה פון די דאזיגע „טויערען קיין ירושלים" און האבען מיט גרויס מאטערניש געבויעט די וועגען אין די ערשטע קאלאניעס ארום יפו. פון דער צייט אן האט יפו אנגעהויבען בליהען און וואקסען, די ערשטע קאלאניעס האבען, ווי א גארטען, ארומגענומען יפו. די קאלאניסטען האבען געאקערט, געזייהט, געפלאנצט וויינגערטנער, געבויעט שטעדט און דערפער און געגרינדעט פאבריקען, און גאט האט געשיקט זיין ברכה, זיי האבען געגליקט אין זייער ארבייט און זענען בערייכט געווארען, דורך זיי איז דער מסחר פון יפו פיעל גרעסער געווארען, א פראנצויזישע חברה האט אויסגעבויעט א באהן פון יפו קיין ירושלים, און דאס האט אויך גענוג פערברייטערט דעם מסחר אין די פאבריקאציע אין יפו. א סך יודען פון די צפון־לענדער האבען זיך בעזעצט אין יפו גופא, צווישען זיי האבען זיך געפונען קאפיטאליסטען און טעכניקער, גרויסע סוחרים, קאמיסיאנערען און אויך בעלי־מלאכות, און דורך דעם איז דער מסחר פון יפו נאך מעהר געשטיגען. אין אנהויב פונ'ם אכטען יאהרהונדערט, ווען כמעט דער רוב איינוואהנער פון שטאדט זענען שוין געווען יודען, האבען אונזערע ברידער פון פראנקרייך צורעכט געמאכט דעם פארט. פיעל געלד האבען זיי אויף איהם אויסגעבראכט, ווייל ער איז געווען שטארק פערלאזט. פון דער צייט וואס די יודישע מלוכה האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, נאכ'ן צווייטען חורבן, האט איהם נאך קיינער ניט געפרובט פערריכטען, און גרויסע שטיינער, פערבליבענע נאך פון די אלטע יאהרען, זענען געלעגען ביים ברעג אזוי, אז די שיפען האבען ניט געקענט צוקומען צום פארט, און דערום איז דא אויך געווען זעהר שטורמדיג, אז אפילו פון ווייטענס איז אויך אונמעגליך געווען צוצופאהרען. יעצט אבער איז יפו'ער פארט איינער פון די בעסטע אויף די ברעגען פון מיטעלענדישען ים. און עס געפינט זיך אויף איהם אלעס, וואס נאר נויטיג איז צו'ן א גוטען פארט און וואס די לעצטע ערפינדונגען האבען געקאנט געבען. און ווייל ער איז ניט ווייט

פון סועצער קאנאל, געפינען זיך אויף איהם תמיד שיפען פון אלע עקען וועלט און זיינע האנדעלס־פערבינדונגען וואקסען פון יאהר צו יאהר.

דער האטעל „אכסניה הצפונית" אין וועלכען איך מיט מיין פרוי זענען פערפאהרען, געפינט זיך אויפ'ן פלאץ „מגרש שלום", אין דער מיט שטאדט. אלע נומערען זענען שוין גע־וועזן פול, ווייל צוליעב דער אויסשטעלונג זענען זיך צונויפגע־פאהרען א סך אורחים, וועלכע זענען געקומען מיט'ן עלעקט־רישען צוג, מיט'ן עראפלאן און מיט די שיפען. דורך דעם פענסטער פון אונזער נומער, וועלכער איז אויפ'ן פיערטען שטאק, זעהט מען די גאנצע שטאדט מיט איהר פראכטפאלער שעהנקייט. אט איז דער גרויסער ים מיט זיינע רוישענדע חוואליעס, אט זענען די גערטנער פון יפו, אט איז מקוה ישראל, ראשון לציון מיט איהרע ווייגגערטנער, און דארט ווייטער אביסעל — די בערג פון יהודה, בעדעקט מיט אייל־בירטען און באקסערן. לינקס זעהט מען דעם עמק השרון, פתח תקוה, יהוד, חדרה, באר בנימין און נחלת בנימין; רעכטס — אשר אברהם, שדה מנוחה, בית יעקב, גבע. די אלע קאלא־ניעס און דערפער, זעהען אויס ווי א גרויסארטיגער גארטען. אויפ'ן גאס, וואס אקעגען מיר, זעהט מען די גרויסע שוהל, די גרויסע ישיבה און די ים־אקאדעמיע, זעהר א גרויסער און שעהנער בנין מיט קופעלן און טורעמס, מיט קרייגדליך און קארידארען. געבויעט איז ער פון ווייסען מארמאר מיט צעמענט פונ'ם ים המלח, און א יודישע פאהן הענגט אויף זיין הויכען קופעל. ווייטער געפינט זיך דא: די הויפט־פערוואלטונג פון „די שיפען פונ'ם מיטלענדישען ים", די באנק, די שטאדט־דומע א. א. וו. די אלע בנינים זענען שעהן געבויעט, פערפוצט נאכ'ן סטיל פון די מערב־לענדער און נאכ'ן אראבישען סטיל, און ארומגעפלאנצט מיט שעהנע בוימער, וועלכע שמעקען, אז עס איז א פערגעניגען, גלייך ווי די נאטור האט בכונה דא אויסגעגאסען איהר ברכה.

דער פלאץ „מגרש השלום" איז דער גרעסטער און דער שעהנסטער אין דער גאנצער שטאדט. ארום איהר שטעהען שעהנע טויערען און אין דער מיט א שעהנער גארטען, קיין

שטיינערנע בילדער זענען ניטא — אין קיין יודישער שטאדט איז זיי ניט צו זעהען, דערפאר געפינט איהר אבער שעהנע פאנטאנען, וועלכע שפריצען מיט ריינער וואסער און רייניגען די לופט.

די נעמען: „מגרש השלום", „רחובות השלום", „שוקי השלום", ווי איך האב זיך נאכרעם דערוואוסט, געפינען זיך אין יעדער שטאדט, סיי גרויסער, סיי קליינער. און אפילו דערפער טראגען אויך דעם נאמען „שלום", ווייל דער שלום, דער אויסערער און דער אינערער, איז געווארען דער שטאמפעל פון אונזער פאלק. דאס איז די גאנצע שטרעבונג פון אונזער פאלק צו לעבען נאר ב ש ל ו ם צווישען זיך און מיט די איבריגע פעלקער. און אט די פלעצער, וועלכע ווערען אנגערופען מיטן נאמען „שלום", זענען געשטעלט געווארען פאר עדות און פאר א זכרון פאר יודען, זיי זאלען צוהאלטען דעם שלום.

ווען דו קומסט אין א נייער שטאדט און ווילסט וויסען און דערקענען דעם כאראקטער פון דעם ארט און פון די איינוואהנער: ווער זענען זיי און וואס זענען זיי, און מיט וואס פערנעהמען זיי זיך? — דארפסטו נאר א קיק טהון אין זייערע צייטונגען און אין די מודעות, וואס געפינען זיך דארט. פון די טעגליכע צייטונגען קען מען דערקענען די טבע פון די איינוואוינער און זייערע מנהגים — זייערע „גרויסע" לייט, מיט וואס צייכנען זיי זיך אויס, וואס האבען זיי ליעב און וואס האבען זיי פיינד, און אלע זייערע רכילות מיט די לשון הרע און אלעס, וואס איינער דערצעהלט איפ'ן צווייטען... און פון די מודעות קאן מען וויסען, וואס פאר א שטאדט זי איז, מיט וואס האנדעלט זי און וואס פערמאגט זי...

איך האב געהייסען דעם משרת, ער זאל מיר ברענגען די טעגליכע צייטונגען...

חאטש יפו איז ניט אזא גרויסע שטאדט, דאך פערמאגט זי זעקס צייטונגען, און אזוי כמעט אין יעדער שטאדט, אפילו אין דער קלענסטער, ערשיינט א צייטונג, וועלכע ווערט ארויסגעגעבען דורך דער שטאדט־פערוואלטונג אויף קהל'שען חשבון, פערשטעהט זיך, אז אין די גרויסע שטעדט, וואו די צייטונ־

גען מאכען גוטע געשעפטען, דארפען זיי ניט אנקומען צו קהל׳שען געלד.

אין יפו, ווי איך האב שוין געזאגט, ערשיינען זעקס צייטונגען: „המודיעים מיפו", „קול העם", „המגיר מיפו", „השרון", „חדשות מיפו", „המאה השמינית". די אלע זענען אלגעמיינע צייטונגען פאר טאג־פראגען, ליטעראטור און פאליטיק. א חוץ זיי ערשיינען נאך בעזונדערע צייטונגען, וועלכע פערנעהמען זיך מיט ספעציעלע פראגען, ווי למשל: „קול הים" — מיט ים־פראגען, „עובד האדמה" — מיט פראגען ועגען ערד ארבייט. די פיינסטע צייטונג איז „השרון". יעדער נומער איהרער בעשטעהט פון זעקס גאנצע בויגען צונויפגעלעגטע.

אט איז, למשל, א בלאט „השרון". צום ערשטען לייענען מיר א מודעה פון דער רעגירונג, אז פון ט"ו אב און ווייטער ווערט אויף אלע באהנען, שיפען און לופט־באלאנען ערנידעריגט דער פרייז פון בילעטען קיין ירושלים ביז דער העלפט. און די, וואס ווייזען א צייגניש, אז זיי פאהרען ספעציעל צוליעב דער אויסשטעלונג, פאהרען אינגאנצען אומזיסט. נאך דער מודעה געהען טעלעגראמען פון אלע עקען וועלט און פון אלע עקען פונ׳ם לאנד, מיט פערשיעדענע אינהאלטען. פון ירושלים איז מען מודיע, אז די הכנות צו דער אויסשטעלונג זענען שוין כמעט געענדיגט, אלע מאשינען צו דער „עלעקטרישער זון", וועלכע וועט לייכטען אין הויך פון טויזענד פינף הונדערט איילען פון „מגדל דוד", זענען שוין געענדיגט. לויט די פראבעס, וואס מ׳האט שוין געמאכט ווירט איהר בעלייכטונג דערגרייכען ביז חברון און רמלה... די היסטארישע אבטיילונג, וועלכע איז די גרעסטע, איז שוין אויך פערענדיגט, אין איהר זענען צונויפגעשטעלט געווארען אלע „כלי הגולה" פאר דער גאנצער צייט, וואס יודען געפינען זיך אין גלות ביז׳ן לעצטען טאג... די אבטיילונג פון ערדארבייט איז שוין אויך אינגאנצען געענדיגט... די משגיח׳ים אויף די בנינים פערזיכערען, אז אלעס וועט געענדיגט ווערען פינקטליך צו דער צייט.

פון חברון איז מען מודיע, אז דארט האט מען אויסגע־

בויעט אַ נייעם „רעזערוואָאַר” („באַסיין”) און זיין וואַסער איז לויטער, ווי קרישטאָל, און אַנגענעהם צום טרינקען, און ער וועט געבען וויפיעל מען דאַרף וואַסער דער גאַנצער שטאָדט מיט איהרע אַלע פאַבריקען. — פון „עמק נפתלי” איז מען מודיע, אַז דאָרטען האָט מען אויפגעשטעלט אַ „עלעקטרישע זון”. פון „בני ברק” — אַז די תבואה איז דאָרט היי־יאָהר זעהר געראָטען. פון „עין זיתים” — אַז מ'האָט דאָרט געגרינדעט אַ „חברה תורה”. פון צפת — אַז נעכטען האָבען זיך געענדיגט די עקזאַמענעס אין אוניווערזיטעט, און די תלמידים בן יוסף, אַ יוריסט, און בן שמואל, אַ דאָקטאָר, האָבען בעקומען בריליאַנטענע מעדאַלען, און צוואַנציג תלמידים האָבען בעקומען גאָלדענע מעדאַלען, און נאָך פיערציג האָבען בעקומען אַ דיפּלאָם פון „חכם ורב”. פונ'ם הר כרמל — אַז נעכטען האָבען די ערד־גרעבער געפונען אין דער ערד, אין דער טיעף פון פינף הונדערט פוס, סמנים פון גאָלד־רודעס. מבינים זאָגען, אַז דאָ שטעהט פאַר אַ גרויסע צוקונפט פאַר די בערג־רודעס. און נאָך אַזעלכע ידיעות.

נאָך די טעלעגראַמען קומען אַרטיקלען וועגען נחלאות אַרום יפו, וועגען פאָנטאַנען, וועגען עלעקטרישער באַהן וכדומה. נאָכדעם געהען פעליעטאָנען, לידער, ערצעהלונגען, נייעס וכדומה. פון פיעל אַרטיקלען איז מיר בעקאַנט געוואָרען, אַז די טאָג־פראַגע אין יפו און אין די איבריגע שטעדט פון ארץ ישראל איז איצט די פראַגע פון יובל: ביז וויפיעל וועט דער יובל איבעראַנטווערשען דאָס אייגענטום פון די נחלאות אין יפו און אין דער סביבה. און נאָך דער „שאלת היובל” געהט די פראַגע פון די וואַהלען, ווען מען זאָל מען אויסקלויבען פאַר ראש אין שטאָדט. זעלבסטפערשטענדליך, אַז דרינען איז שוין דאָ חלוקי דעות, און די צייטונגען פיהרען וכוחים וועגען דעם און אַגיטירען יעדערע פאַר איהר קאַנדידאַט, און דאָ געהען שוין לאַנגע אַרטיקלען.

און נאָך מעהרער, ווי די צייטונג גופא, האָב איך מיך צוגעקוקט צו דער אָבטיילונג פון די מודעות: אויב דו ווילסט, ליעבער לעזער, קענען דאָס לעבען פון יעדער פאָרק, פון יעדער מדינה און פון יעדער שטאָדט, קוק זיך נאָר צו צו זייע=

רע מורעות, — דאן וועסטו וויסען, וואס זיי קויפען און פערקויפען, וואס זוכען זיי און וואס ליעגען זיי פאר יענעם, מיט וואס בעשעפטיגען זיי זיך און מיט וואס פערברייננגען זיי זייער צייט, אין קורצען: ווי און א שפיגעל, וועסטו ארויסזעהען אינגאנצען זייער גייסטיגען און מאטעריעלען צושטאנד.

און אז איך בין געקומען קיין יפו, האב איך זיך אויך גענומען לייענען די מורעות. דער גרעסטער טייל פון זיי איז וועגען דעם יובל. איך קעהר איבער דאס בלאט און זעה א סך מורעות. אבער זיי זענען גאר אנדערע, לחלוטין ניט גלייך צו אונזערע מורעות!

ראובן ההררי, למשל, איז מודיע, אז צוליעב יובל, קעהרט זיך אום זיין נחלה אין דארף „תמר" צום ערשטען בעל-הבית, און דערום זוכט ער איצט צו קויפען א נחלה אויף די קינפציגע פופציג יאהר. — שמעון הבגדי איז מודיע דעם ערשטען בעל-הבית פון זיין נחלה, אדער זיינע יורשים, אויב ער איז געשטארבען, אז זיי זאלען קומען אפנעהמען ביי איהם די נחלה, אדער איהם פערקויפען זי נאך א מאל אויף די קינפציגע פונפציג יאהר. די יורשים פון לוי הכמי זענען מודיע, אז די נחלה ביי גדרה, וועלכע מר גמליאל האט געהאלטען, קעהרט זיך אום, צוליעב יובל, צוריק צו זיי, און זיי קאנען זי פערקויפען אנ'אנדערען. יהודה גור-אריה זוכט צו קויפען א נחלה אין געגענד פון יפו אויף פיערציג יאהר. דאס „בית דין הגדול" פון יפו איז מודיע די יורשים פון „פלטי בן ליש", זיי זאלען קומען ירשה'נען זייער נחלה ביי באר בנימין, וועלכע קעהרט זיך אום צו זיי, צוליעב יובל. — די פערוואלטונג פון די דערפער גבע און רמה, אין בעצירק פון ביתר, איז מודיע, אז דער ספיח*) פון דעם יאהר איז געראטען אין זייערע פעלדער, און ווער עס וויל, מעג קומען און שניידען. נאך די דאזיגע מורעות קומען נאך אנדערע וועגען דעם יום-טוב חמשה-עשר באב.

---

*) ווידערוואוקס, דאס הייסט, די תבואה, וועלכע וואקסט פון די קערענדלעך, וואס פאלען בעת'ן שניידען פון פאריגען יאהר, וויל אין יאהר פון יובל טאר מען ניט אקערען און זייהען.

דער ראש פון דער קאָלאָניע „קרן בן שמן" האָט די עהרע מודיע צו זײַן אַלע יודען, און בעזאָנדערס דער יוגענד פון דער גאַנצער סביבה, אַז אין טאָג פון חמשה עשר באב וועט פאָרקומען אין גאָרטען פון דאָרף אַ גרויסע פערווײַלונג, און אַהין וועט זיך צונויפזאַמלען די גאַנצע יוגענד פון דער סביבה. אַלע הכנות אויפצונעהמען די געסט זענען שוין געמאַכט געוואָרען. אַלע וועלען זײַן צופרידען.

אויך דער אײַנגענעהמער פונ׳ם דאָרף „יפה נוף" האָט די עהרע מודיע צו זײַן, אַז בײַ איהם אין דאָרף וועט אויך פאָרקומען אַזאַ פײַערטאָג אין חמשה עשר באב. די גערטנער וועלען זײַן בעפּוצט מיט אַלע מיני ציערונגען, אַ „עלעקטרישע זון" און פאָנטאַנען, שפּילערס און זינגערס וועלען משמח זײַן דעם עולם. אויך אַ לוסט-רײַזע אויפ׳ן לופט-באַלאָן בײַ די וועלדער פון לבנון; אַ טעאַטער, אין וועלכען מ׳וועט פאָרשטעלען: „חמשה-בשר באב פאַרצײַטען און איצט", און נעבעל-בילדער (туманныя картины) פונים לעבען פון אונזערע עלטערען אין די גלות-לענדער.

„דזשאָן כּפרי" פון לאָנדאָן, אַ סוחר פון ענגלישע סחורות אין יפו. איז מודיע, אַז נעכטען האָט ער בעקומען פון לאָנדאָן אַ גאַנצען אוצר מיט גאָלדוואַרג און זילבערוואַרג און אַלערלײַ מתנות אויף חמשה-עשר באב.

דער יובעליר בצלאל בן אורי איז מודיע, אַז ער האָט צו פערקויפען שעהנע מתנות צו חמשה עשר באב גאַנץ וואָלוועל.

נאָך איין מודעה:

נאָך דער לעצטער מאָדע אין ירושלים!

אויף אַ אונטערהאַלט שבת צו נאַכטס האָט דעם נשיא׳ס טאָכטער אָנגעטהון אַ קלייד פון בלויען ציץ, אויסגענייהט מיט טאַשטעס פון לײַנען (בד) און פורפור, פונקט אַזעלכע קליידער און אַזוי גענייהט געפינען זיך צו פערקויפען אין קלייט פון פרויען-קליידער, בײַ שרה בת טובים אויף צפון-גאַס הויז נומער 24.

די יוגענד פון אײניגע דערפער זענען מודיע זייערע בעקאַנטע און פרײַנד, אַז אויף זייער לעצטער פערזאַמלונג האָבען

זיי בעשלאסען, אז יעדערער זאל פייערען דעם קינרטינגען יום־טוב אין זיין דארף. זיי פערהאפען, אז די יוגענד פון אנדערע דערפער און קאלאניעס פון דער סביבה, וועלען אויך נאכטהון דאס זעלבע און ניט פאהרען אין די שטאט־גערטנער. און נאך אזעלכע מידעות.

ביי אונז זענען מיר געוואהנט געווען צו לעזען מודעות פון ארבייטער, וועלכע זוכען ארבייט. אין דער אלטער אייראפא מיט איהרע אלטע מנהגים, וואו דער קאפיטאל געפינט זיך ביי געצעהלטע גליקליכע מענשען און דער דלות איז ביים רוב פונ׳ם פאלק... אין דער אלטער אייראפא, וואו עס געפינט זיך „אלדעס גוטס", וואו א סך ארבייטען, און ווינציג געניסען פון דעם גוטס, — דארט דרוקען זיך א סך מודעות פון ארבייטער, וועלכע זוכען ארבייט, און זענען נאך צופריעדען, ווען זיי געפינען אפילו אזא ארבייט, וואס גיט זיי א טרוקען שטיקעל ברויט. אבער אין דעם נייעם ארץ־ישראל האב איך שוין ניט בעגעגענט אזעלכע מודעות, דאגעגען זענען דא א סך קאפיטאליסטען וואס זוכען ארבייטער.

די ברידער „דוד און יונתן" פון לוד זוכען ארבייטער אין זייער נייער מיהל, זיי גיבען: א דירה מיט עסען און א גוטע בעלוינונג, — שאול מלכי פון יבנה, דער ערפינדער פונ׳ם רויטען גלאז, זוכט ארבייטער אין זיין פאבריק. — שמואל המסכיני זוכט ארבייטער אויף אויסצוארבייטען קעז. — „שמעון און לוי עט קאמפאניע", זוכען פרעסערס אין א וועב־פאבריק פון לייוונט. און נאך אזעלכע מודעות. — דאס איז א בעווייז, אז די ארבייטער האבען גענוג ארבייט און געהען זיך ניט בעטען אין די פאבריקען.

עס איז צו בעוואונדערען, וואס איך האב דא ניט בעגעגענט קיין מודעות פון דאקטוירים און אפטייקער. ביי אונז אין אייראפא פערנעהמען אזעלכע מודעות א היבשען טייל פון די בלעטער. עס געפינען זיך אזעלכע וואס זוכען נאר אזוינע מודעות. די דאקטוירים בעריהמען זיך, אז זיי קאנען אויסהיילען אלע מינים קראנקהייטען, אויסוויינינגסטע און אינווייניגסטע, אייבערשטע און אונטערשטע, אז זיי קאנען געבען די נאראנים פערשטאנד, די מיאוסע — שעהנקייט, די אלטע — קראפט... די

מאגערע—פיזט מאכען, די פעטע—מאגער מאכען וכדומה. און די אפטייקער יאווען זיך באלד ארויס נאך זיי און שרייען אויס, אז די אלע רפואות געפינען זיך ביי זיי גרייט, פון די בעסטע און פער׳חתמ׳טע פלעשלעך מיט׳ן שטעמפעל פון די פאבריקען פון אויסלאנד: ווער עס איז נערוועז, ווער עס האט קראנקע ציינער, קראנקע אויגען און דערסטגלייכען, קומט צו אונז, מיר וועלען אייך מיט אלעמען בעזארגען,

אבער אין ארץ־ישראל איז גאר עפים אנדערש! דער קלימאט איז א געזונטער, די לופט דערקוויקט די נשמה, איהרע וואסערען זענען היילמיטלען, ווי למשל דער ירדן און אנדערע, גוטע וואסער מיט גוטע לופט—דאס זענען די בעסטע רפואות אין דער וועלט, די לופט פון ארץ־ישראל מאכט געזונד, זי איז ריין פון מיקראבען און באצילען, און די קוואלען, וועלכע זענען רייך מיט זאלצען און מינעראלען, ווי למשל, די הייסע קוואלען פון טבריה, די טיבען פון „עין גדי" און אנדערע זענען די בעסטע קוראָרטען און א סך מסוכנ׳ע חולאים, פון וועלכע די דאקטוירים אין אייראפא האבען זיך שוין מיאש געווען, האבען דא געפונען א רפואה שלמה.

קיין אנשטעקענדע קראנקהייטען געפינען זיך לגמרי ניט ביי די ארץ־ישראל יורען, ווייל דאס פרומע און סאלידנע משפחה־לעבען איז ביי יורען איינע פון די בעסטע מדות, מיט וועלכע יורען מעגען זיך בערימען. בכלל זענען דא די יורען די געזונדסטע און שטארקסטע נאציע, קערפערליך און גייסטיג.

דערפאר מודעות יוגען שמחות און פאמיליען־אונטערהאלטען בעגעגענט מען דא א סך אין די בלעטער.

יעקב בן יצחק בעט אלע זיינע קרובים, גוטע פריינד און בעקאנטע צו קומען, זיך מיט איהם משמח זיין אין דעם טאג „חנוכת בית הספר" ווען זיין בן יחיד׳ל הויבט אן דאס ערשטע מאל געהן אין שולע אריין. שמעון בן יעקב בעט אלע זיינע פריינד און בעקאנטע צו קומען אנטהייל נעהמען אין זיין שמחה אויף דער סעודת „בר מצוה" פון זיין זוהן אברהם. שמשון „ההררי" (בערגמאן) בעט זיינע קרובים און בעקאנטע צו

קומען זיך מיט איהם משמח זיין צו דער פערלאָבונג פון זיין זוהן לוי מיט דער טאָכטער פון פראָפעסאָר שמעיה השכמי פון צפת. דער פאָלקס גאון יואב בן צרויה, מיט מלכה בת ירוחם, א קאָלאָניסט פון גבעת בנימין, זענען פערלאָבט. חבצלת בת שלמה, פון רחובות, (פון די ערשטע פיאָנערען אין לאַנד) מיט ברוך בן נריה, דער גובערנאַטאָר פון נויות אין ארגענטינא, זענען פערלאָבט.

און נאָך מעהרער בעגעגענען מיר מודעות פון מטיפים, מוכרי ספרים און מחברים.

אין גרויסען זאַל, אין דער אַקאַדעמיע פון „חכמת הים" וועט האַלטען אַ רעדע דער לעהרער בן=יונדב וועגען די שיפען וואָס שלמה המלך האָט געבויט. אין מוזעאום וועט היינט האַלטען אַ רעדע וועגען דער אַרכעאָלאָגיע פון דער שטאָדט יפו.—דער בעריהמטער רעדנער ישעיהו בן אמיץ וועט היינט האַלטען אַ רעדע אין גרויסען זאַל פון דער חברה „חובבי הלשון" וועגען דעם יובל פאַרצייטען און יעצט. -- אין דער חברה „ליעבהאָבער פון ערד=אַרבייט" וועט מען היינט האַלטען אַ רעדע וועגען ערד=אַרבייט אין פערשידענע לענדער. — אין דער „היסטאָרישער געזעלשאַפט" וועט מען היינט רעדען וועגען די יודען אין יפו, פון זינט זי איז אויפגעבויט געוואָרען ביז יעצט. אין קלוב פון אינזשענערען און אַרכיטעקטאָרען וועט מען היינט האַלטען אַ רעדע וועגען די וועגען אין לאַנד אין דוד'ס און אין שלמה'ס צייטען, און מאָרגען—וועגען דער בוי=קונסט פון יודען אין מצרים. — און נאָך אַזעלכע רעדעס. אַלע אומזיסט, אָהן געלד פאַר בילעטען, ניט ווי אין דער מנהג אין איירָאָפּאַ.

די דרוק=אייגענטימער און מוכרי ספרים „משה ואהרן" פון ירושלים זענען מודיע, אַז זיי האָבען אַרויסגעגעבען אין אַ פראַכטפולער אויסגאַבע אויף רעגאַל=פאַפיער אַ נייעם לעהרבוך וועגען עלעקטריע, מיט אַלע פרטים, נאָך די נייעסטע ענטדעקונגען פון דער לעצטער צייט, פערפאַסט פון פראָפעסאָר טעכנאָלאָג יהורם. פרייז אַ האַלבער שקל.—תנ"ך מיט פראַכטפאָלע בילדער פון'ם בעריהמטען מאַלער שלמון פון משריקה, און מיט אַ פירוש פון הרב הגאון הפראָפעסאָר שלמה בן

יצחק, אין פינף שעהנע בענדער. פרייז צעהן שקלים. — דער בוכהענדלער שמעיה איז מודיע, אז ער האט אפגעדרוקט די מסכת זבחים פונ'ם גרויסארטיגען ש"ס, וועלכעס נעהט ארוים בענדערוויז מיט אלע מפרשים — פון פירוש רש"י ביז דעם פירוש פונ'ם פראפעסאר ר' כעריה גאון פון צפת. א לאנד־קארטע פון גאנץ ארץ־ישראל, פון די צייטען פונים תנ"ך ביז דער לעצטער צייט, אויפלאגע פון דער געאגראפישער אבטיילונג פון ירושלים'ער אוניווערזיטעט. פרייז איין שקל, — אויף רעגאל—אנדערטהאלבען שקל.— די היסטאריע פון דער ליטעראטור—פון אברהם מאפו ביז היינטיגען טאג, פערפאסט פון אברהם העברי, לעהרער פון אוניווערזיטעט פון יריחו.—„יוענן פייער און וואסער אין לאקאמאטיוו". לעקציעס וועלכע דער פראפעסאר שם־טוב האט געהאלטען אין עציון גבר,—די יודישע ענציקלאפעדיע, א נייע אויסגאבע מיט הוספות און תקונים, אונטער דער השגחה פון די פראפעסארען זרחי און שמשי, 25־טער טייל פון מוריה ביז מטה מיט א סך בילדער און לאנד־קארטעס: פרייז איין שקל. צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער אין ארץ־ישראל און אין אויסלאנד.—„א בוך איבער מעדיצין" לויט די לעקציעס פון פראפעסארען פון ירושלים'ער אוניווערזיטעט, אין 5 טיילען. פרייז צוויי שקלים. —וועגען די נגונים אין תנ"ך אין דער חכמת המוזיק ביי יודען אין אלע צייטען א לעקציע פונ'ם פראפעסאר יהודית, געהאלטען אין אוניווערזיטעט אין יריחו — די יודישע פילאזאפיע אין דעם אכטען יאהר־הונדערט, פון משה מורשתי אין ירושלים. — „יודען אין די סלאווישע לענדער פון שנת ת"ח לאלף הששי ביז יעצט", פון גרשון בן מנשה. — „ציון און איהרע ליעבהאבער", א דראמע פון הימן האזרחי, —און נאך און נאך אזעלכע ספרים און בראשורען, חוץ צייטונגען און זשורנאלען, וועלכע זענען בעקאנט מיט די נעמען: „בן עמי", „ירושלים הבנויה", „הר ציון", „הצופה מעל מגדל דוד", „ברקאי", „הארץ", „היהודי" און אנדערע. פון אלע מודעות האב איך מיך איבערצייגט, אז די יודען, דער „עם הספר", לייענען ביכער און קויפען ביכער, איך האב מיר פארגעשטעלט דאס לעבען פון אונזער פאלק אין לאנד פון אונזערע

אבות. און דאָס קאָנט איהר שוין אַלײן פערשטעהן, מײנע ליעבע לעזער, אַז אױא מין לעבען איז מיר שטארק געפעלען געװאָרען...

אַז איך האָב זיך אַביסעל אױסגערוהט פונ׳ם װעג, בין איך אַרױסגעגאַנגען זעהן די שטאָדט.

אױפ׳ן ערשטען בליק איז יפו ניט פיל אַנדערש פון אשדות און פון אַנדערע פאָרט־שטעדט. דער חלוק איז נאָר דאָס, װאָס זי שטעהט אױף יודישער ערד, אין יודישען לאַנד, די שפּראַך איז לשון קודש, די עקזיסטירענדע געזעצען זענען יודישע, די מנהגים זענען אַביסעל אַנדערש, װי אין אַנדערע שטעדט. אין שטאָדט פיהלט מען אַ פאָלקאָמע פרײהײט. קײנער פרעגט דיך ניט, װער ביזטו, מיט װאָס פערנעהמסטו זיך און פון װאַנען קומסטו אָן. מען פרעגט בײ דיר קײן פּאַספּאָרט ניט, קײן פּאָליציי זעהט מען ניט אין גאַס. דער פּאָרט איז פרײ פאַר אױסלענדישע סחורות. סוחרים פון אַלע לענדער קומען און האַנדלען, װאָס זײער האַרץ גלוסט און קײנער פרעגט זײ ניט װער זײ זענען און װאָס טהוען זײ, װײל די יודען שרעקען זיך ניט פאַר דער קאָנקורענציע פון אַנדערע לענדער, זײערע סחורות זענען ריכטיג און גוט געמאַכט און שטײגען איבער אַלע אַנדערע סחורות. זײ האָבען שוין אַ שם אין דער גאַנצער װעלט מיט זײער גוטסקײט און שעהנקײט. חוץ דעם, איז ארץ־ישראל בכלל אַ לאַנד פון ערד־אַרבײט, און ערד־אַרבײט האָט קײן מורא ניט פאַר קאָנקורענציע.

ארץ־ישראל גיט אַרױס די בעסטע תבואות, בױמאײל, האָניג, טעה, קאַפע און בױמװאָל, זײד א. ד. ג. זי איז איצט במעט די שפּײזערין פון דרום־אײראָפּאַ, און אַלע קומען צו איהר אָן. דעסגלײכען די אַלע מיני מינעראַלען, מעטאַלען און פאַרבען, װעלכע װערען אַרױסבעקומען פונ׳ם ים המלח, פון די בערג לבנון און כרמל, האָבען אױך קײן מורא ניט פאַר קאָנ־קורענציע. און װײל דער פּאָרט איז אָפען פאַר יעדען, איז יפו געװאָרען דער אוצר פון אַלע מיני סחורות פון אײראָפּאַ, אזיע און אַפריקאַ. און דאָס האָט זי בערײכט און בעשײנט.

צוליעב דעם, װאָס יפו איז אַ פרײער פּאָרט, דער מסחר איז זעהר גרױס און אורחים מיט סוחרים קימען אָן מאַסען־

ווייז פון אלע עקען וועלט, — דערום איז ניט אזוי שטארק קענטיג, אז יפו איז א יודישע שטאדט. מען זעהט פאר זיך מאסען פערשידענע פעלקער. דא וואהנען אגענטען, קאמיסיאָנערען און קאפיטאנען פון שיפען א. ד. ג. אזוי, אז זי האט א פנים פון א וועלט־שטאדט מיט א בעזונדער סטיל און מיט א בעזונדער האראקטער. — האטש בכלל איז דאס לעבען דארט א יודיש לעבען, נאר ניט מיט אלע פרטים ודקדוקים, ווייל די פרעמדע זענען זעהר רייך, און די יודישע סוחרים דערגלייכען, צייכענט זיך אויס דאס לעבען אין יפו מיט איהר לוקסוס. אויף יעדען טריט איז צו בעמערקען אונגעהויערע רייכקייט. — ווער עס וויל זעהען דאס אמת'ע יודישע לעבען, אזוי ווי ס'איז נאטירליך, דארף געהן אין די קלענערע שטעדט אדער דערפער.

אט צוליעב דעם צוועק מאקע האבען מיר פערלאזט יפו און זענען ארויסגעפאהרען מיט „דרך המלך" קיין שכם, איידער מיר זענען געפאהרען קיין ירושלים.

ה.

מיר זענען נור אפגעפאהרען א צוויי־דריי שעה פון יפו און אט זעהען מיר פאר זיך א נייע לאנד, נייע מענשען און נייע מנהגים.

דאס גאנצע לאנד זעהט אויס ווי איין גארטען, ווי איין פעלד, פערזעהט מיט גרינווארג און פערשידענע תבואות. דורכ'ן פענסטער פונ'ם וואגאן זעהט מען פרוכטען־בוימער, און פראסטע ביימער: בוקענע, קלען, באקס, טייטעל־בוימער, אייל־בירט־בוימער, פייגען־בוימער, גראנאט, אתרוג, מאראנצען און לימענעס־בוימער, און דארט פון וויטען זעהט מען פאסטובער מיט פערשידענע רינדער און שאף, דערפער, גימער בעגעגענט מען אויף יעדען טריט. אלע הייזער זענען ארומגערינגעלט מיט גרינס, סעדער, גערטנער און תבואות. יעדען גאנץ פריה געהט זיך דער פויער אויס אין פעלד צו זיין ארבייט און פארנאכט קומט ער א היים. אין יעדען דארף געפינט זיך א שולע פאר אלע קינדער פונ'ם דארף.

דורך די פעלדער און די גערטנער געהען דורך קאנארען און קוואלען אין טאל און אויף די בערג, וועלכע טרינקען אן די פעלדער און די גערטנער. די מענשען, די רינדער זענען זאט און געזונד. די הייזער זענען שעהן געבויעט, זענען ריין און שעהן. די שטאלען און סאראיעס, די מאגאזינעס פון תבואה און די קעלערס, זענען אלע געבויעט פון שטיין און אייזען. די אקער- און זייה-מאשינען, די וויאלקעס, די שנייד- און דרעש-מאשינען — זענען אלע געמאכט געווארען נאך די נייעסטע סיסטעמען פון אייזען און פון שטאל. ווער עס זעהט זיי, דערקענט באלד, אז דא וואוינען „בעלי-בתים“, מענשען וואס האבען אל-דאס-גוטס, ווארום דא האט גאט געשיינקט זיין ברכה. דאס גאנצע דארף זעהט אויס ווי אויסגעפוצט און אויסגעצירט, אז עס איז שעהן צו קוקען. און אזעלכע דערפער געפינען זיך א סך ביי דער ליניע פון דער באהן. פאהרענדיג, ווייזט זיך אויס, אז איבער'ן גאנצען וועג איז איין דארף.

עס האט אונז אנגענומען א חשק, מיך און מיין פרוי, מיר זאלען ארויסגעהען פונ'ם וואגאן און זעהען נעהנטער אונזערע גליקליכע ברידער, צו זיין אין זייערע הייזער, בעגריסען זיי און שעפען אינאיינעם מיט זיי די פרישע לופט פון זייערע פעלדער. אויף איינער א סטאנציע „כפר שלום“ זענען מיר אראבגעגאנגען.

דאס דארף איז גרויס, עס איז דער צענטער פון אלע ארומיגע דערפער, און כמעט דער שפייזער פון זיי אלע. דארט איז די „אלגעמיינע קלייט“ פאר דער גאנצער סביבה, און דאך האב איך ניט געזעהען, ניט אויפ'ן וואקזאל און ניט ארום איהם, קיין רעדעלעך מיט סוחרים ומוכרים אדער מעקלערס, ווי מיר זענען געוואוינט געווארען צו זעהען זיי אין סוריא אדער אויף איינער פון די איראפעאישע צענטראלע סטאנציעס, ווייל דא אין די פראווינציעלע שטעדט געפינען זיך ניט קיין פראפעסיאנעלע סוחרים, דאס הייסט א בעזונדער קאטעגאריע מענשען, וועלכע פערנעהמען זיך ספעציעל מיט פערבייטען סחורה אויף געלד און געלד אויף סחורה, און קיין מעקלערס זענען לחלוטין גאר ניטא.

און אט ווי עס פיהרט זיך דער מסחר אין די דאזיגע

דערפֿער: אין איין דאָרף, וועלכעס געפֿינט זיך אין דער מיט פֿון אַלע אַרומיגע דערפֿער, פֿיהרט מען צונויף אַלע תבואות, וועלכע בלייבען נאָכ׳ן איבערדאָזען „זאַפּאַס" אויף צוויי יאָהר, צו פֿערקויפֿען. די מאַגאַזינעס פֿון די תבואות געפֿינען זיך אונטער דער השגחה פֿון אויסגעקליבענע מענשען פֿון די דערפֿער, און די סוחרים פֿון די גרויסע שטעדט קומען און קויפֿען אַוועק די תבואות. די תבואות ווערען אָבגעשיקט מיט׳ן באַהן קיין יפֿו אָדער קיין עכו, און אַזוי איז די „אַלגעמיינע קליים" אויך אונטער דער השגחה פֿון די אויסגעקליבענע פֿון אַלע דערפֿער. אין דער דאָזיגער קליים בעקומען די איינוואָהנער אַלעריי סחורות פֿאַר קאָסט=פּרייזען.

דער קליין=האַנדעל, דאָס קרעמעריי, וועלכעס איז לויט ווי די היסטאָריע דערצעהלט, געווען כמעט דער גאַנצער קוואַל פֿון לעבען ביי אונזערע אור=עלטערען, עקזיסטירט דאָ שוין לגמרי ניט. און אין גאַנצען לאַנד בעגעגענען מיר ניט קיין קליינע קריימלעך פֿון פּרנסה ווענען, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דאָ איז דאָס לאַנד פֿאַר יעדען פֿריי, און יעדער מעג זיך האַנדלען מיט וואָס זיין האַרץ גלוסט. ווייל עס איז איצט איבערגעאַנדערשט געוואָרען דער סדר פֿון לעבען און דער סדר פֿונ׳ם יודישען חנוך. קיין לעדיג=געהער זענען ניטאָ אינ׳ם גאַנצען לאַנד. „ת ו ר ה, ע ב ו ד ה און ג מ י ל ו ת ח ס ד י ם" — אָט דאָס זענען די פֿונדאַמענטען, אויף וועלכע יודען האָבען איצט געבויעט זייער גליק און זייער רייכטום. אָט די דריי ווערטער איז צו בעמערקען גלייך ווי מיט גאָלדענע אותיות אויסגעקריצט אויפ׳ן טויער פֿון יעדער שטאָדט און יעדען דאָרף. נאָר ווייל יודען היטען אָפּ די ערשטע צוויי, ד. ה. ת ו ר ה און ע ב ו ד ה אויפ׳ן בעסטען אופֿן, דערום קומען זיי כמעט ניט אָן צום דריטען ד. ה. צו ג מ י ל ו ת ח ס ד י ם. יעדער יוד איז מחויב צו לערנען עפּעס אַ מלאכה, נאָר דער עיקר איז ערד=אַרבייט. אין דעם זיבענטען יאָהר=הונדערט האָבען יודען אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן דעם סוד און די ווערטה פֿון ע ר ד. זיי האָבען געזעהען און פֿערשטאַנען, אַז אַ מלך, אַ הערשער איבער דער וועלט איז נור דער, וואָס האָט בעאַרבייטע פֿעלדער. פֿאַר שלעכטע צייטען האָט ער קיין

מורא ניט, פאר שלעכטע מענשען אויך ניט. זיי האבען געזע=
הען און פערשטאנען, אז ווער עס האט ערד, דער האט כבוד,
דער האט כח, דער האט רייכקייט און גליק. זיי האבען פער=
שטאנען, אז נאר ווער עס בעארבייט די ערד, דער האט ליעב
די ערד, און די ערד האט ליעב איהרע בעארבייטער, גלייך
ווי א מוטער האט ליעב איהר קינד, האדעוועט און זאט עס
אן. אט די וויכטיגע תורה האבען זיי אויסגעלערענט אין דער
„הויכשולע”, וואס הייסט: ג ל ו ת. אנ׳ערך פון 1900 יאהר
האבען זיי דאס געלערענט—ביז זיי האבען דאס רעכט פער=
שטאנען. און ווען זיי זענען שוין מיט גאט׳ס הילף ארויסגע=
גאנגען פון דער דאזיגער אומגליקליכער שולע פריי מיט אן
„אטעסטאט זרעלאסטי” און האבען אנגעהויבען לעבען און
אויפלעבען זייער לאנד, האבען זיי געמאכט די ת ו ר ה מיט
ע ב ו ד ה. עבודת האדמה—די ערשטע און די שווערסטע אר=
בייט פון אלע—פאר א פונדאמענט צו זייער לעבען. עס גע=
פינט זיך ניט אין גאנצען לאנד קיין איין שולע אהן „עבודת
האדמה”; אלע פאלקס=שולען, אלע מיטעל=שולען—זענען אויך
שולען פאר ערד=ארבייט. דערפאר איז כמעט ניטא איין יוד,
וועלכער זאל ניט ק ע נ ע ן בעארבייטען די ערד, און זאל ניט
בעארבייטען א ל יי ן די ערד. אין דער היסטאריע ווערען
דערצעהלט א סך וואונדער=געשיכטען וועגען דעם ר ו י מ ע ר
צ י נ צ י נ א ט י, וועלכער האט זיך צוריק גענומען צו ערד=אר=
בייט, נאכדעם ווי ער איז געוועזען א מיליטער=קאמאנדיר און
איז פריי געווארען. און אין יודישען לאנד ווי פ י ע ל צינ=
צינאטי׳ס זענען דא אזוינע? די איינציגע ארבייט, די נאטיר=
ליכע ארבייט פאר׳ן מענשען — די ארבייט – איז געווארען א
אייגענטהום פון אונזער פאלק, נאר טאקי פשוט ביים גאנצען
פאלק. יודען האבען זיך איצט אומגעקעהרט גאר צו די
ג נץ אלטע יאהרען, פון די ערשטע אבות און זענען געווא=
רען א פאלק פון ערד=ארבייטער פונים גרעסטען ביז׳ן קלענס=
טען... אזוי, אז אפילו לעהרער, רבנים, פראפעסארען, אינזשע=
ניערען, קינסטלער, דיכטער און בעאמטע, וועלכע פערלאזען
אויף דער עלטער זייער פראפעסיע, קעהרען זיך צוריק אום צו
זייער ערד און בעארבייטען זי.

אין בעגלייטונג פון ה׳ שמעיה, נאטשאלניק פון סטאַנציע, האב איך בעזוכט דעם ה׳ נחשון בן עמינדב, דעם ראש פון דעם דארף און פון די ארומיגע דערפער. ווייל אין דעם דארף „שלום״ געפינט זיך די פערוואלטונג פון די דערפער: נוה-שאנן, פרעתון, קרית-יערים, בית-בנימין, נחלת-צבי, שבי-גולה און מנוחה און דער ה׳ נחשון איז דער ערשטער מנהיג איבער אלע. ער איז אן אלטער ערד-ארבייטער פון א יאהר זעכציג — און איז נאך קרעפטיג, קיין גרויע האר זעהט מען ביי איהם נאך ניט. ער האט דריי זיהן און צוויי טעכטער. דער עלטסטער וואהנט מיט איהם און בעארבייט צוזאמען מיט׳ן פאטער די ערד, דער צווייטער זיהן איז א ריכטער אין גליל און דער דריטער, דער יונגסטער זיהן, איז א קאפיטאן אויף א שיף. די צוויי טעכטער האבען חתונה געהאט פאר קאלאניסטען. נחשון אליין איז א בן תורה און א געבילדעטער, ער האט געענדיגט א מיטעל-שולע אין שכם, דערנאך האט ער געלערנט אין דער אגראנאמישער אקאדעמיע אין יריחו. אז ער האט געענדיגט דעם קורס, האט ער חתונה געהאט, ער האט גענומען די טאכטער פונ׳ם ראש המחוז (אויעזדנע נאטשאלניק) אין לבנה און איז געווארען דער פערוואלטער פון זיין פאטער׳ס און פון זיין שווער׳ס פערמעגען.

נאך זיין פאטער׳ס טויט איז ער געבליבען ביי זיינע נחלאות ביז היינטיגען טאג. אט דער נחשון איז איבערגעגעבען צו זיין ערד מיט זיין גאנצען לייב און לעבען, ביי איהם איז טייער יעדעם גרעזעל, יעדעם ביימעלע אין זיין גארטען און יעדער כטעבעל און זאנג אין זיין פעלד. „זיין הויז, זיין פעלד און זיין גארטען״ — זענען זיין שטאלץ און זיין פרייד. אין שטאדט אריין קומט ער זעלטען, נאר דריי מאל אין יאהר איז ער „עולה רגל״ קיין ירושלים, און דארט בעזוכט ער אלע לעהר-אנשטאלטען און די פערזאמלונגען פון די געלערנטע.

אז מיר זענען אריינגעקומען צו איהם אין שטוב, האט ער זיך געפונען אין גארטען און האט געהאלטען א שנייר-מעסער, נעבען איהם איז געשטאנען איינע פון זיינע אייניקעך.

אַ רויט יונגעלע מיט שעהנע אויגען, און ער לערענט איהם ווי אַזוי צו פלאַנצען בוימער. אַז נחשון האָט אונז דערזעהען האָט ער אונז אַריינגעפיהרט צו זיך אין שטוב. מ'האָט אונז באַלד דערלאַנגט צום טיש קאַפע, וויינטרויבען און פייגען. ה' נחשון האָט אונז דערצעהלט די היסטאָריע פון דעם דאָרף. עס איז שוין 120 יאָהר זינט עס איז געבויעט געוואָרען, און ער מיט זיינע עלטערען זענען דאָ געבוירען געוואָרען, נאָר זיין זיידע איז פון די אָנגעקומענע פון די צפון לענדער, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין די ערשטע קאָלאָניעס אַרום יפו. און ביסלעכווייז זענען פערברייטערט געוואָרען זייערע נחלאות ביז שכם און ביז'ן ירדן. דערנאָך זענען זיי אַריבער דעם ירדן אויך. ניט מיט קיין שווערד, ניט מיט קיין שפּיז און ניט מיט קיין דיפּלאָמאַטיע האָבען די יודען איינגענומען דאָס לאַנד, נאָר פּשוט מיט געלד. פאַר יעדען טריט ערד האָבען זיי בעצאָהלט גוט געלד, מ'האָט געמאַכט קאָנטראַקטען, גע'חתמ'עט ערות, און יודען זענען איצט דאָס איינציגע פאָלק, וועלכעס האָט קאָנטראַקטען אויף זיין ערד... וואָס איז אָבער געוועזען דאָס לאַנד פריהער, איידער יודען זענען אַהין געקומען? — גאָרניט, וויסט און פּוסט, בערגלעך מיט שטיינער...

קיינער האָט אַפילו ניט געגלויבט, אַז אַזאַ ערד זאָל קאָנען אַרויסגעבען ברויט. נאָר יודען האָבען געקאָנט אַרויסווייזען אַזאַ בריה'שאַפט, יודען מיט זייער מח און כח... איך זאָג „בריה'שאַפט” און עס איז אַזוי. וואָרום ניט מיט דער שווערד, ניט מיט דער ביקס און ניט מיט'ן קולאַק קאָן מען זיך איצט בעריהמען, נאָר מיט'ן אַקער-אייזען און גראָב-אייזען, וועלכע ציהען אויס ברויט פון דער ערד און גיבען שפּייז פיער מענשען, און דאָס מוז איך אייך אויך זאָגען, — האָט נחשון מוסיף געווען — אַז ניט אינגאַנצען מיט זייער ווילען און מיט זייער גרויסער חכמה האָבען זיי דאָס אַלעס אויפגעטהון, — דאָס איז אַ „אצבע אלהים”. דאָס האָט די נויט געבראַכט דערצו. די נויט איז דער בעסטער לעהרער. אַ סך פּראָבעס און הוצאות האָבען אונזערע אור-עלטערען געמאַכט, כדי צו בלייבען אין די גלות לענדער; זיי האָבען זיך געראָזט בויגען און ערנידערען ביז דער ערד, אַבי ניט צו פערלאָזען זייערע

וואָהן-לענדער. און אז דאָס אַלעס האָט שוין ניט געהאָלפען און זיי האָבען געמוזט עמיגרירען, זענען זיי געפאָהרען: קיין דרום, קיין מערב, און אין אַלע עקען וועלט, נאָר ניט קיין מזרח... נאָר דאָן, ווען עס איז שוין געווען „כלו כל הקצין״, און די נויט האָט שוין אַרויפגעפיהרט דערויף, אז זיי זאָלען זיך דערמאָהנען אין זייער אייגען לאַנד, — דאַן, נאָר דאַן, האָבען זיי זיך א חאַפּ געטהון צום לאַנד מיט'ן גאַנצען האַר-צען, זעהענדיג, אַז עס איז ניטאָ ערגעץ אַנדערש וואוהין צו לויפען...

פון יענער צייט אָן, האָט זיך אָנגעהויבען דער ישוב.

יעצט וועט שוין—זאָגט ווייטער דער אַלטער—אפילו דער שלעכטער מלאך אויך נאָכזאָגען אמן נאָכ'ן „הלל הגדול״, וואָס אונזער פאָלק זאָגט. אָט די ערד פון דעם דאָרף וואָס איהר זעהט דאָ, וואָס איז זי געווען צוריק מיט ק״ן יאָהר?— א באַרג מיט שטיינער. קיין גראָז, קיין בוימער זענען דאָ ניט געוואַקסען. און דאָך האָבען אונזערע עלטערען פאַר איהר בע-צאָהלט 5 בקע פאַר א דונאָם (א בקע איז א האַלבער שקל) און יעצט לאָז מען אונז געבען 500 שקלים פאַר א דונאָם, וועלען מיר אויך ניט נעמען. אין יאָהר פון פאָריגען יובל, דאָס הייסט צוריק מיט 50 יאָהר, האָט מען דאָ געצאָהלט פאַר א דונאָם ערד 20 שקלים, און היינט ליגט מען פאָר פאַר די 50 יאָהר ביז'ן צוקינפטיגען יובל צו 160 שקלים.. און דאָס איז נור פאַר פעלדער אויף צו פערזייהען תבואה, אָבער פאַר גערטנער און סערער גיט מען צוויי מאָל אַזוי פיעל און נאָך מעהרער, ווער האָט געמאַכט אַזא גרויסען פאָרט-שריט, אויב ניט אונזערע עלטערען און מיר! אויב איהר ווילט וויסען בפרוטרוט די גאַנצע היסטאָריע און אַלעס, וואָס האָט מיט אונז פּאַסירט פון זינט מיר זענען אהער געקומען ביז יעצט, אָט האָט איהר א בוך, נעהמט און לייענט. אָט דאָ וועט איהר געפינען יעדע איינצעלהייט פון אַלעמען, וואָס יו-רען האָבען אויפגעטהון אין דאָרף „שלום״ און אין דער סביבה. ביי די ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון א שאַפע א בוך, שעהן איינגעבונדען און האָט מיר דערלאַנגט. איך האָב גע-עפענט דאָס בוך, זעה איך, אז דאָ בעשרייבט זיך גענוי די

גאנצע היסטאריע פונ'ם דארף „שלום" מיט אלע ארומיגע דערפער, פון זינט זיי זענען אויסגעבויעט געווארען אין די יאהרען תר"ף—ת"ש ביז היינטיגען טאג. — אט אזעלכע ביכער געפינען זיך ביי אונז אין אלע שטעדט און דערפער, און פון זיי זעהט מען, וואס יורען האבען אויפגעטהון אין ארץ־ישראל.

דער שמועס מיט דעם אלטען האט זיך פערצויגען, ביז עס איז געקומען די צייט פון עסען, זענען מיר צוזאמען גע־גאנגען עסען. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען צו עסען ביי א יודישען קאלאניסט, און ווי גוט און ווי אנגענעהם זענען געווען אלע מאכלים, און ווי גרוים איז דער אפעטיט פון די קאלאניסטען: די שטאדט־לייט עסען קיינמאל ניט ווי עס דארף צו זיין, אדער זיי עסען גאר אהן אפעטיט, אדער זיי חאפען איבער די מאס... דער דארפס־מאן אבער עסט נור ווי די נאטור פאדערט. עס איז א פערגעניגען צו זעהען, ווי די דארפס־לייט זיצען ארום טיש און עסען מיט חשק און מיט א גוטען אפעטיט. ליעבער לעזער! זיי מעגען זיך פערגינען דאס עסען! זיי עסען זייערס, און ניט קיין גע־קויפטס ביי פרעמדע! די מילך, די פוטער איז פון זייערע אייגענע בהמות און שאף, דער וויין איז פון אייגענע גערטנער, די פיש האבען זיי אליין געחאפט, דאס פלייש איז אויך פון אייגע־נע רינדער, די פרוכטען, דאס גרינס, איז פון זייערע גערטנער, וועלכע זיי האבען מיט אייגענע הענד געפלאנצט, דאס ברויט האבען זיי אליין אויסגעארבייט מיט'ן שווייס ביז'ן סוף... אט זעהט איהר, ליעבע לעזער, אז זיי מעגען זיך פערגינען עסען! בעת דעם עסען האבען מיר פערפיהרט א שמועס וועגען פער־שיעדענע קאלאניעס און וועגען זייערע פרוכטען און תבואות, האב איך זיך דערוואוסט, אז ער איז בקי אינ'ם גאנצען ישוב פון ארץ־ישראל און ווייסט אלעס גלייך ווי זיין דארף „שלום".

ביים ה' נחשון האב איך געפונען א גרויסען אוצר פון ספרים, בעזאנדערס פון דעם לעצטען יאהר־הונדערט, און אויך א גאנצע ליטעראטור וועגען ערד־ארבייט און פערשיעדענע פלאנצונגען אויף לשון־קודש, רוסיש, פראנצויזיש, ענגליש און

דייטש, חוץ דעם געפינט זיך ביי איהם ש״ס און פוסקים, תנ״ך און אלע ספרים, וואס געפינען זיך געוועהנליך ביי יעדען יודען אין שטוב. און אויך דריי צייטונגען און זשורנאַלען פון ירושלים און פון שכם. זיין הויז איז א „בית ועד להכמים" פאר דער גאנצער סביבה. זיין שנור מרים שפּיעלט פיאנע אויסגעצייכענט. נאך דער טהע פארנאכט, האט זי אונז געשפּיעלט איינינע קאפּיטלעך פון תהלים, שירים פון ר׳ יהודה הלוי, א מארש, וועלכער הויבט זיך „עלו ורשו", און איינינע שטיקלעך פון „שירת דבורה וברק", און מרים אליין, א גאנץ שעהנע פרוי איז א גאנצען טאג בעשעפטיגט מיט ארבייט אין שטוב און אין גארטען, און מיט ערציהען איהרע קינדער. אין אווענד וואשט זי זיך ארום, טהוט זיך איבער, פערברייננט מיט בעקאנטע און שפּיעלט אויף דער פארטאפּיאנא. און איהר׳ס א מיידעלע פון צעהן יאהר העלפט איהר אויך צו. ביי נחשון׳ען אין שטוב האב איך זיך בעקאנט מיט דעם עלטסטען לעהרער פון דער שולע, ער איז אויך דער רב אין דער געמיינדע. ער מיט נחשון׳ען האבען מיך געבעטען, איך זאל אויף מארגען געהען בעזוכען די שולע.

די שולע איז א שענער, הויכער בנין, שטעהט אויף א בערגעל, און ארום איהר געפינען זיך א סך בוימער, לעדיגע און פרוכטען־בוימער. לעדך הונדערט אינגלעך און 90 מיידלעך לערנען זיך דארט.

דאס פראגראם פון די למודים איז דארט פאלגענדעס: תורה ד. ה. חומש מיט רש״י, נביאים וכתובים ביזן סוף, דקדוק, שרייבען, איינע פון די פרעמדע שפראכען, די גאנצע אריטמעטיק, אנהויב פון געאמעטריע, אביסעל גמרא, היסטאָריע, געאגראפיע און אביסעל אנאטאמיע. דער קורס איז א 4 יעהריגער. פון דארט געהען די שילער איבער אין די מיטעל־שולען פון ארומיגע שטעדט. — איך האב עקזאמענירט איינינע שילער און שילערינ׳ס און האב זיך געוואונדערט אויף זייער בקיאות אין דקדוק און אין דער שפראך און חומש אין סו־ריען האב איך אויך געזעהען קינדער, וואס קענען גוט לשון־קודש, אבער אזא געניטקייט ווי דא, קען זיין נאר אין ארץ־ישראל. ה׳ נחשון האט מיר דערצעהלט, אז אין קינפטי־

גען יאָהר וועט זיך אין דאָרף „שלום" גרינדען אַ מיטעלשולע, כדי די קינדער זאָלען קענען לערנען אויך די העכערע למודים אין דערהיים און זאָלען קענען אין דער איינענער צייט, נעבען די עלטערען, זיך איינגעוואָהנען צו דער אַרבייט. די געמיינדע האָט שוין אַלע מיטלען דערצו. עס איז שוין צוגעגרייט שטיינער, אײַזען און האָלץ, מען האָט אָבגעשטעלט זעקס דונאַם ערד אויפ'ן בנין, און אם ירצה השם, באַלד נאָך פסח וועט מען זיך נעהמען צו דער אַרבייט. קיין שום ערלויבניש פון דער רעגירונג דאַרף מען דערצו ניט האָבען, מען דאַרף נאָר מודיע זיין דעם אינספּעקטאָר, אַז מען עפענט אַ מיטעלשולע, און ער פערשרייבט שוין ביי זיך אין בוך און שיקט געניטע לעהרער. די לעהרער בעקומען זייער געהאַלט פון דער געמיינדע אָדער פון דער רעגירונג. אַלע שילער לערנען אומזיסט.

פאַרנאַכט האָב איך בעזוכט זייער „קלוב" וואו זיי קומען זיך צונויף. אויך אַ שעהנער בנין אין מיטען דאָרף, אינווייניג געפינען זיך גרויסע זאַלען אין צימערען אויף צו לייענען און אויף צו שפּיעלען אין שאַך, און אויך אַ טאַנץ־זאַל, און איין גרויסער זאַל, וואו מען האַלט רעדעס און דרשות. פאַרנאַכט, ווען אַלע ענדיגען זייער אַרבייט אין שטוב און אין פעלד, קומען זיי זיך צונויף אין קלוב און פערברענגען דאָ. ווער עס לייענט אַ בוך, ווער — אַ צייטונג. אָדער מען הערט שפּיעלען און זינגען. אין דעם אָווענד האָט ר' שמואל הכרמי, אַ קאָלאָניסט פונ'ם דאָרף „נוה שאנן", געהאַלטען אַ רעדע, וועגען פלאַנצען גערטנער לויט די סיסטעמען פון פראַנקרייך און פון ארץ־ישראל. ער האָט דעם ענין געגעבען צו פערשטעהן און געראָטהען, אַז מען זאָל מאַכען אין די גערטנער איינינע פערבעסערונגען, לויט ווי ער האָט געזעהען אין פראַנקרייך. איינינע פון די צוהערער האָבען מיט איהם נישט איינגעשטימט, ווייל אין פראַנקרייך איז דער קלימאַט ניט דער איינענער, וואָס אין ארץ־ישראל. עס זענען וועגען דעם געפיהרט געוואָרען דעבאַטען ביז האַלבע נאַכט. אין אַ צווייטען צימער זינגט מען, אין אַ דריטען צימער לייענט מען ביכער און צייטונגען און אין זאַל פאַר שאַך־שפּיעל איז אויך ניט לעדיג. אַט אַזוי פערברענגען די יודישע קאָלאָניסטען דעם אָבענד אין דאָרף „שלום".

עס איז מיר שווער געווען צו פערלאָזען דאָס דאָרף און זיך צושיידען מיט נחשונ׳ען און מיט זיין הויז-געזונד. דאָס דאָרף „שלום“ איז געווען דאָס ערשטע יודישע דאָרף, אין וועלכען איך האָב זיך אָבגעשטעלט און פערגעניגען געהאַט.

איך האָב אַ מאָל געהערט און אין אַ צייטונג געלייענט, אַז עס געפינען זיך יודען וועלכע וואָהנען אין דערפער און בעאַרבייטען ערד, נאָר זעהען מיט מיינע אויגען — זעה איך עס דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען, אַ יודיש דאָרף, אין יודישען לאַנד, און יודישע ערד-אַרבייטער אין פולען זינען פונ׳ם וואָרט!

מיינע אויגען האָבען זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקען, ווי יודען לעבען אויף זייער ערד. גאַנצע קאַפּיטלעך פונ׳ם תנ״ך האָבען זיך, ווי לעבעדיגע, מיר געשטעלט פאַר די אויגען... ווייל די איצטיגע יודען שטרעבען צו נאָכמאַכען מיט אַלעמען די פאַרצייטיגע יודען, מיט זייער תמימות און מיט זייער אָרענטליכקייט, און דערצו נאָך צו בעקומען דעם גלאַנץ מיט׳ן חן פון דער נייער וועלט, דערום פעראייניגען זיך אין זיי אַלעס גוטעס, וואָס איז געשריבען אין תנ״ך וועגען אונזערע עלטערען פון יענער צייט, און אַלעס פיינ׳ס און שעהנ׳ס, אַלע גוטע מנהגים און דרך ארץ פון איראָפּעאישע לענדער פון היינטיגער צייט. — דער קאָלאָניסט איז אַ גוטער קאָלאָניסט מיט אַלע פּרטים, ער אַרבייט זיין ערד מיט׳ן שווייס, ער אַקערט און זעהט, און דערצו איז ער אַ געבילדעטער און אַ בעל נמוס מיט גוטע מדות. אַלע, וועלכע זעהען אונזערע קאָלאָניסטען, דערקענען אין זיי — געבענשטע קינדער פון גאָט... דאָס גראָבקייט און דאָס פּראָסטקייט, וועלכע מען זעהט ביי קאָלאָניסטען פון אַנדערע פעלקער זעהט מען ניט ביי די יודישע קאָלאָניסטען. יודען שכור׳ן ניט, וואַלגערען זיך ניט אין די גאַסען, קריגען זיך ניט אין די שענקען וכדומה. אין די שלעכטע צייטען, אין גלות, האָבען יודען ניט געשכור׳ט, כדי צו פערגעסען די צרות, ווי עס טהוען אַנדערע פעלקער ביי אַזעלכע בעדינגונגען, און איצט, ביי די גוטע צייטען — אודאי ניט.

אונזער פאָלק איז א וואונדערליך פאָלק, א פאָלק פון „נזירים״ (אָבגעשײדט פון תאוות), און נאָך מעהרער איז צו בעוואונדערן די יודישע קאָלאָניסטען. די שטעדטיגע יודען זענען אויך גוטע און פײנע, אָבער נאָך פײנער זענען די קאָלאָניסטען, ווײל די בעדינגונגען פונ׳ם לעבען אין די שטעדט זענען שווערער ווי אין די דערפער: אין די שטעדט וואָהנען פעלקער מיט פערשידענע מנהגים, און זײ ווירקען אײנער אויפ׳ן צווײטען מיט זײערע מדות און מנהגים, בפרט נאָך אין יודישען לאַנד, וועלכעס איז פרײ פאר יעדען צו פיהרען זיך ווי אזוי ער וויל. דערפאַר איז אין די שטעדט דאָס יודענטום נית אזוי אמת-נאַטירליך, ווי אין די דערפער.

עס איז מיר שווער זיך צו שײדען מיט אַט די ברידער, ווען איך זאָל קאָנען, וואָלט איך דאָ געזעסען מיט זײ אלע מײנע יאָהרען. נאָר ווײל די טעג, וואָס איך האָב בעשלאָסען צו פערברײנגען אין ארץ-ישראל, זענען געצעהלטע און איך וויל נאָך אלעס זעהען, וואָס נאָר מעגליך איז, דערום מוז איך זײ פערלאָזען און פאָהרען ווײטער אויפ׳ן וועג קײן שכם.

שכם, דאָס איז די הויפט-שטאָדט פונ׳ גאנצען געגענד, דאָ וואָהנט דער גובערנאַטאָר שמוע בן זכיר, דאָ איז דער „אַקרוושנאַי סוד״, די גרויסע ישיבה א. ג. דאָ געפינען זיך פונפציג טויזענד אײנוואָהנער, ס׳רוב יודען, דער מסחר איז דאָ גרויס, מיט תבואה, מיט פרוכטען וכדומה, עס איז דאָ אויך א פאַבריק, וועלכע אַרבײט אוים זײד און נאָך אײניגע פאַבריקען.

די גאַסען זענען אויסגעגאָסען מיט גוטען און שטאַרקען צעמענט פונ׳ם ים המלח. עס געפינען זיך אין שטאָדט פאָנטאַנען, קאַנאַלען און א טראַמוואַי. די שטאָדט שכם צײכענט זיך אוים מיט איהרע גוטע ווײנגערטנער און סעדער, עס איז כמעט נית צו דערקענען צי זענען מיר אין שטאָדט אָדער אין דאָרף. די הײזער זענען ארום געפלאַנצט מיט בוימער, נאָר די עלעקטרישע זון, דער שטאָדט-טראַמוואַי און די „געברוקירטע״ גאַסען, וועלכע זענען איבערפולט מיט מענשען, דערמאָנען אונז, אז מיר געפינען זיך אין א גרויסער שטאָדט.

צוויי טעג האָבען מיר זיך פערזאַמט אין שכם, איך האָב בעזוכט דעם גובערנאַטאָר, ער איז אַ אַלטער, אַ פײַנער מאַן, ער האָט געענדיגט דעם מאַטעמאַטישען פאַקולטעט אין ירושלים, דערנאָך איז ער געווען דרײַ יאָהר אַ מיליטער־קאָמאַנדיר און האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה מיט די „זמזומים", און מזרח־זײַט פונ'ם ים המלח. ווען ער האָט געענדיגט דעם דיענסט אין מיליטער, איז ער געוואָרען דער פערוואַלטער פון דער באַהן אויף דער ליניע „ים המלח—תדמור". און איצט האָט מען איהם אויסגעקליבען פאַר גובערנאַטאָר אין שכם. ער איז טאַקי אַליין אַ געבוירענער פון שכם און האָט נחלאות צווישען באַרג גריזים און באַרג עיבל.

איך האָב אויך בעזוכט די שולען און די בתי מדרשים. איך האָב זיך צוגעקוקט צו די שיינע און גרויסאַרטיגע בנינים, בעזאָנדערס צום קוואַל וואַסער, וואָס זעצט אַרויס פון אַ שטיין אויף הונדערט אײַלען דער הויך.

פון שכם זענען מיר אויפגעפאָהרען ווײַטער מיט דער ליניע „שכם—משמר הירדן".

ווײַזענדיג אין שכם האָב איך געלייענט אין דער צײַטונג „הר גריזים" אַזאַ מודעה:

„דער ראש פונ'ם דאָרף „חצרון", וועלכעס געפינט זיך אויף אַ מהלך פון צוויי שעה פון דער סטאַנציע „תקוה טובה" בײַ דער ליניע „שכם—משמר הירדן" האָט די עהרע מודיע צו זײַן אַלע אַרומיגע דערפער, אַז היינטיגעס יאָהר וועט מען פײַערען חמשה עשר באב אין די גערטנער פון חצרון, אַלע הכנות דערצו זענען שוין געמאַכט געוואָרען, עס זענען צוגעגרייט דירות פאַר אַלע געסט, בעזונדערס בעטען מיר די יוגענד, זיי זאָלען אונז בעעהרען צו קומען אַנטייל נעהמען אין אונזער שמחה. זבדיה בן טוביה, דער ראש פונ'ם דאָרף חצרון.

לייענענדיג די דאָזיגע מודעה און נאָך אַזעלכע האָב איך זיך דערמאָהנט, אַז חמשה עשר באב איז בײַ יודען, פון אייביגע יאָהרען אָן, אַ גרויסער און אַ הייליגער יום טוב, בעזונדערס בײַ דער יוגענד... נאָר אין גלות איז דער דאָזיגער יום טוב פערגעסען געוואָרען, אָבער איצט, אין דער גוטער

צייט, ווען יודען געפינען זיך ווידער אין זייער לאגר, האבען זיי דעם גרויסען נאציאנאלען יום־טוב מחדש געווען, און וויל חצרון געפינט זיך נאר אויף א צוויי שעה פון דער סטאנציע „תקיה טיבה“, וואו מיר פאהרען דורך. האב איך בעשלאסען אראבשטייגען און אראבפאהרען קיין חצרון און זעהען דעם יום טוב, ווי יודישע טעכטער געהען ארויס אין די גערטנער און זאגען: „בחור שא עיניך“...

אלע טאג געהט דער צוג אפ פון שכם דריי מאל אין טאג: 8 אין דערפריה, זייגער 12 ביי טאג און 7 פארנאכט, נאר איצט צוליעב דעם יום טוב געהען די צוגען אלע שעה, פון שכם קיין תקוה טובה, אין שכם אליין פייערט מען אויך דעם טאג פון חמשה עשר באב. אבער די גרעסטע שמחות קומען פאר נאר אין די דערפער, עס קומט נור דער טאג, ווערט דער וואקזאל איבערגעפילט מיט מענשען: מאנסבילען און פרויען, פאטערס און מוטערס קומען בעגלייטען זייערע קינדער, נאך מעהר פון אלע זעהט מען יונגווארג מיט די פעקלעך אין די הענד, און כמעט אלע פאהרען קיין חצרון. צווישען זיי געפינען זיך אויך אנגעקומענע פון איראפא און אמעריקא, וועלכע פאהרען זעהן דעם יום טוב און אפשר האבען זיי אויך בדעה צו בעקומען דארט זווגים... צווישען די פיער געסט זענען געווען דריי פון ארגענטינא, פון די קאלאניעס: „קרית משה“, „זכרון ירושלים“ און „מזכרת ציון“. די דריי יונגע לייט האבען געענדיגט די הויך־שולע אין קרית משה און זענען געקומען קיין ארץ־ישראל צו בעקומען העכערע בילדונג, זיי זענען געפאהרען מיט אונז צוזאמען, און ה׳ יוסף, דער עלטסטער לעהרער, האט אונז פארגעשטעלט איינער דעם צווייטען.

פון זינט די וועלט שטעהט, איז דאס בעסטע פראץ צו בעקענען זיך, — זיצען ביי א געגרייטען טיש. דאס עסען און נאך מעהר דאס טרינקען איז דאס בעסטע מיטעל מקרב צו זיין די הערצער. און דא איז דער בופעט אויסגעשטעלט מיט אלדאס גוטס: פרוכטען, וויינען וכדומה, אין וואקזאל ווערט וואס א מאל פולער, און מיר האבען זיך אוועקגעזעצט ביי א

טישעל, געהייסען דערלאנגען א בומעלקע וויין און האבען גע־נומען שמועסען צווישען זיך.

מען קאן גיט לייקענען — זאגט בן אביגדור פון קרית משה, — אז אויך ביי אונז איז אלץ גוט און שעהן, און ניט אומזיסט רופט מען אונזער קאלאניע „דאס קליינע ירושלים", ווייל מיר האלטען זיך אויך ביי אלע מנהגים פון דעם גרויסען ירושלים און לעבען פונקט דעם איינענ'ם ארט לעבען ווי זיי, נאר דער מבין פערשטעהט באלד, אז עס איז מיט אלעמען נאר נאכגעמאכט, און ניט אריגינעל, ניט נאטירליך . . . מיר רעדען ביי אונז אויך לשון קודש, מיר פייערען אויך די אייגענע ימים טובים, מיר לעבען אויך א יודיש לעבען, עס איז אבער פארט ניט דאס. עס איז ניט די אמת'ע יודישע אויסשפראך, ווי אין ארץ ישראל, עס איז ניט די אמת'ע יודישע ימים טובים א. א. וו. אט איז, למשל, ביי אונז אויך איינגעפיהרט דער יום טוב פון חמשה עשר באב, עס איז אבער ניטא די שמחה, דאס לעבעדיגקייט, וואס מיר זעהען דא. ביי אונז איז דאס עפעס ווי נאכגעמאכט... עס איז גוט צו לעבען אין ארץ־ישראל, אמת האבען אונזערע חכמי התלמוד געזאגט: „כל הדר בחוץ לא"ץ דומה שאין לו אלוה"—ד. ה.: „ווער עס וואהנט אין חוץ לארץ, איז גלייך ווי ער האט קיין גאט ניט". וואס קען איך אבער מהון, אז איך קאן דא ניט איבערבלייבען, איך דארף נאך אבדינען אין מיליטער אין מיין לאנד, איך וויל חאטש לכל הפחות מיר נעהמען א פרוי פון ארץ־ישראל און זי ברייגגען צו אונז, קאן איך האפען צו האבען מיט איהר ארץ ישראל קינדער.

דאן רופט זיך אן ה' בן יוסף, דער הויפט־לעהרער און זאגט: וואו איז נאך דא אזא פאלק, ווי דאס יודישע! דאס איז איין פאלק אין דער וועלט, מיט איין תורה און איין לאנד! ווער האט עס געקאנט זאגען און ווער האט עס געקאנט אפילו טראכטען צוריק מיט ק"ן יאהר אין אנהויב בעוועגונג פון ישוב, אז ארגענטינא, וועט זיין א צווייג פון ארץ ישראל? און איצט זעהען מיר מיט אונזערע אויגען, אז ירושלים איז אייער הויפט־שטאדט. און אין אמת'ן היינגט אב איינם פונ'ם אנדערען: ווען דער ישוב וואלט דא ניט געראטען, ווען יודען

זאָלען זיך ניט געווען בעפעסטיגען דאָ ווי עס געהער צו זיין, וואָלטען זיי ניט געקאָנט ווירקען אויף אונזערע ווייטע ברידער און עס וואָלט איצט ניט געווען קיין יודישע אַרגענטינאַ... דעם־לייבען אנדערע יודישע קאָלאָניעס אין צפון און אין דרום אמעריקא און אויך אין אפריקא ווערען בעלייכט פון דער יודישער ליכטיגקייט אין א״י־ישראל... און ווי גוט וואָלט געווען, ווען אט די „נעהענדיגע שטערען״ זאָלען קאָנען וואָס נאָהענטער צוגעהען צום מקור פון זייער ליכטיגקייט, עס זאָלען ניט קאָנען קימען קיין שום פינסטערע גופים צווישען זיי און פערשטעלען זיי די ליכטיגקייט, אָדער וואַרפען א שאָטען אויף זיי...

זיצענדיג אין שמועסענדיג האָבען מיר דערהערט דעם צווייטען קלונג, מיר זענען באַלד אריין אין וואַגאָן. — מיר זענען דורכגעפאָהרען דעם שעהנעם פלאַץ מחנים, וואו די באהן געהט אין טאָל צווישען צוויי בערג, אויף וועלכע מען זעהט ווי עס פאַשען זיך שאָף און רינדער פון ביידע זייטען, און דאָרט ווייטער אַביסעל זעהט מען דעם באַרג גריזים און דעם באַרג עיבל. עס ווייזט זיך אוים, אז מען הערט נאָך היינט אויך די קולות פון די בענשער׳ס, וואָס שטעהען אויפ׳ן באַרג צו בענשען די יודען. אָבער די קללה פונ׳ם באַרג עיבל הערט מען ניט, ווייל יודען זענען געבענשט און וועלען זיין געבענשט. אז מיר זענען דורכגעפאָהרען די סטאַנציע „מחנים״, זענען אַרויף נייע רייזענדע. דער וועג הויבט זיך שוין אביסעל אויף, און אַגשטאָט פעלדער בעווייזען זיך גערטנער, און דער גאַנצער וועג ווייזט זיך אוים ווי איין גאָרטען. נאָך אַביסעל — און אָט זענען מיר שוין אין תקוה טובה!

אין תקוה טובה הויבט ערשט אָן דער המון ווערען גרעסער דאָרט קומען שוין אָן נאָך צוגען און ברייגגען מיט זיך נייע אורחים. ביים וואָקזאַל שטעהען א מאַסע קאַרעטעס, דראָזשקעס און וואָגענס אויף צו פיהרען געסט קיין חצרון.

מיט׳ן אויפגאַנג פון דער זון זענען מיר געקומען קיין חצרון. דער ראש פונ׳ם דאָרף מיט זיינע חברים, אָנגעטהון אין יום־טוב׳דיגע קליידער, האָבען אונז בעגריסט ביים טויער פונ׳ם דאָרף, און האָבען בעפוילען, מען זאָל אונז באַלד אָנ־

ווייזען דירות. און באלד נאכ'ן דאווענען אין שוהל, האט מען אונז דערלאנגט פריהשטיק: ברויט מיט פוטער, מילך, פרובטען און וויין. מיר האבען אפגעגעסען, אפגעטרונקען און זיך צוגעלעגט אפרוהען, ביז 12 א זייגער, ווען עס וועט זיך אנהויבען די שמחה.

און אין גאנץ חצרון רוישט, מען גרייט זיך צום יום-טוב, די מיידעלעך קומען זיך צונויף צו זייערע חבר'טעס, טהוען זיך אן אין ווייסע וואלענע קליידער און פלעכטען איין אין די האר בלומען און רויזען. און די בחורים טהוען אויך אן ווייסע זיידענע קליידער און ווייסע שטרויענע היטען אויפ'ן קאפ.

ארום צוועלף א זייגער, זענען ארויסגעהאנגען געווארען אויף אלע הייזער ווייסע פאהנען. מען האט געבלאזען מיט א שופר, און די יוגענד איז ארום אין גאס און אנגעהויבען גיהען — אלע דארפס-לייט, און דער רב מיט'ן לעהרער איז דער שפיץ, האבען זיך פערזאמעלט אין קהל'שען גארטען און האבען געווארט אויף די מחנות פון יונגע לייט, וועלכע קומען זיך צונויף פון אלע זייטען, און אין די הענד האלטען זיי שטעקענס מיט פאקעל'ן, און דעם ראש'ס זוהן נעהט פאראויס מיט א ווייסע פאהן אין דער האנד. מען גערט און מען זינגט דעם נאציאנאלען שיר: „בצאת ישראל מעם לועז" און כלי-זמר מיט פערשידענע כלים שפיעלען צו.

אז מען איז געקומען צום טויער פונ'ם גארטען האבען זיי די עלטסטע פונ'ם דארף בעגריסט מיט דיזע ווערטער: „ברוכים הבאים, אברכים חתנים! ברוכים הבאים בשם ה'!" דער רב האט זיי געבענשט אין דעם נאמען פון דער גאנצער געמיינדע און האט זיי ערקלערט די בעדייטונג פונ'ם יום-טוב און די היסטאריע פון איהם. דערנאך זענען די עלטערע מענשען אוועקגעגאנגען אין פארקס-הויז און האבען געגעסען, געטרונקען און פרעהליך פערבראכט. — און דא קומט אן א צווייטע מחנה פון מיידעלעך, אלע אין ווייסען געקליידעט, מיט ווייסע פאכערס אין די הענד, און איינע א יפה-פיה נעהט פאראויס און טראגט א ווייסע זיידענע פאהן אין דער האנד. זיי געהען און זינגען נאציאנאלע לידער און אז זיי זענען געקומען צום טויער פונ'ם גארטען, זענען זיי ארויסגעגאנגען

אקעגען אלע בחורים מיט כלי-זמר, און האָבען זיי בעגריכט מיט די ווערטער: „ברוכות הבאות בשם, ברוכות אתן אחיותינו!“ דערנאָך האָבען זיי זיך צוזייהט און צושפרייט אין די גערטנער, און די עלטערען קוקען אויף דער שמחה פון די קינדער און פרעהען זיך אויך מיט זיי. עס איז א פערגעניגען צו קוקען אויפ'ן שעהנקייט און דעם חן פון די יודישע יונגלעך און מיידלעך. די בחורים זענען כמעט אלע געזונטע, הויכע ווי די דעמבעס, און די חכמה בעלייכט זייערע פנים'ער. די מיידלעך דעסגלייכען, הויכע שעהנע מיט רויטע באַקען און מיט שוואַרצע לאָקען, און אויגען, — גאָט מיין גאָט! א האַלבע וועלט, ווען מען זאָל אוועקגעבען פאַר אזעלכע אויגען, איז נאָך קאַרג... די יודישע מיידלעך זענען פון אייביג אָן זעהר שיינע, נאָר דער גלות מיט די צרות און די פאַלשע בילדונג האָבען זיי פער'מיאוס'ט, אבער יעצט, — האָט זיך זייער שעהנקייט צוריק אומגעקעהרט צו זיי, און זיי זענען די שענסטע אין דער וועלט. —

קאָרעספאָנדענטען פון די גרעסטע צייטונגען אין אייראָפּא און אין אמעריקא און מאלער'ס קומען א הער אויסמאָהלען די בילדער פון די יודישע שעהנע פרויען און בחורים, און שיקען זיי אָפּ אין זייער'ע שטעדט אריין. די קאָרעספאָנדענטען פון ירושלים און אנדערע שטעדט קומען אויך א הער. — און דער ה' אביאסף, דער קאָרעספאָנדענט פון דער צייטונג „הירדן“, וועלכער איז אויך ספּעציעל געקומען זעהען און בעשרייבען אין זיין צייטונג, האָט מיר דערצעהלט, אז פון יאָהר צו יאָהר ווערט דער דאָזיגער מנהג פערברייטערט, און די שמחה ווערט אלע יאָהר גרעסער און דאָס בעקומט דעם כאַראַקטער פון א „קאָנקורס פון שעהנהייטען“ אזוי ווי אין אייראָפּא, נאָר די דאָזיגע „אויסשטעלונג“ איז אביסעל אנדערש פון יענע, ווי יודישע מנהגים זענען בכלל אנדערע.

דער סוף פון די אלע שמחות איז — שמחות און חתונות. די תנאים ווערען געמאַכט טאַקי דאָ אין קהל'שען גאָרטען און אויף קהל'שען חשבון. און די חתונות ווערען געמאַכט יעדערע אויף איהר אָרט. — מיין בעקאַנטער ה' בן אביגדור פון ארגענטינא, האָט זיך אויך דאָ געפונען א שעהן מיידעל, א טאָכטער

פון א קאל ניסט אין תמנה, זי איז איהם געפעלען און ער איז איהר געפעלען, און דער שדוך איז געשלאסען געווארען, נאר מען האט מיט איהם אויסגענומען א תנאי, אז ווען ער וועט ענדיגען זיין דיענסט אין מיליטער אין זיין לאנד, זאל ער זיך אומקערען א הער...

די שמחה אין חצרון האט זיך געצויגען גאנצע צוויי טעג, אין שטוב איז ששון ושמחה, אין גאס איז געזאנג און טענץ, ווער עס האט די שמחה ניט געזעהען, — אויף מאר־גען האבען שוין אלע ציימונגען דערצעהלט וועגען די שמחות, וועגען די שעהנהייטען און וועגען די געשלאסענע שרוכים, מיט אלע פרטים. טעלעגראמען פליהען אין דער וועלט, צו די קרובים, אפגעבען זיי מזל טוב. —

צוויי טעג האב איך זיך פערזאמט אין חצרון. דאס זע־נען געוועזען צוויי גוטע אין זיסע טעג. אזעלכע גוטע טעג האב איך נעהאט און וועל האבען גאנץ ווענינ אויף מיין לעבען... אויפן דריטען טאג האב איך זיך געזעגענט מיט מיינע פריינד און בעקאנטע, וועלכע זענען נאך דארטען געבליבען, און בין אוועקגעפאהרען קיין „משמר הירדן".

משמר הירדן איז א נייע שטאדט, וועלכע איז ערשט מיט א יאהר 80 צוריק, אויסגעבויעט געווארען אויפ'ן ברעג פונ'ם ירדן. א מסחר שטאדט. דארט שטעלען זיך אפ די שיפען, וועלכע געהען אויפ'ן ים המלח, און דארט איז א סטאנציע פון דער ליניע „ים התיכון—ירדן".

די צייט איז געוועזען קורץ האב איך זיך ניט געקאנט פערזאמען דארט קיין סך, איך האב זיך צוגעקוקט צו דער וואונדערליכער בריק, וועלכע געהט איבער'ן ירדן, — צו די פלאנטאציעס פון קאפע און אנדערע וואונדערליכע פלאנצונגען וואס אין דעם טאל, און בין אבגעפאהרען קיין ירושלים.

ו.

ירושלים. אונזער הייליגע שטאָדט, אונזער נשמה, אונזער פרייד! דאָס איז אַ שעהנע געגענד, אַ פערגעניגען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַפילו, יעצט ווען זי איז ניט קיין מלוכה-שטאָדט... מיר קאָנען יעצט ניט וויסען, ווי האָט זי אויסגעזעהען אין דער צייט פון׳ם מלך — דעם משורר, און זיין זוהן — דעם קליגסטען פון אַלע מענשען, אין דער צייט, ווען „זילבער איז געווען אין ירושלים פיעל ווי שטיינער אין די גאַסען, און טענענבוימער ווי פראָסט האָלץ, איבער גענוג"... נאָר אויב אַפילו זי איז געווען אין דעם איינענעם שטאַנד וואָס יעצט, איז זי אויך געווען העכסט שעהן. שעהן איז די שטאָדט ווין אויפ׳ן דונאַי, נאָך שענער פון איהר איז פאַריז, אָבער שעהנער פון ביידע—איז ירושלים.

ווער קאָן זיך גלייבען צו דיר, און ווער קאָן קאָנקוריען מיט דיר, טאָכטער ציון! אַלע שטעדט פון דער וועלט האָבען מענשען געבויעט, דורך ווערכער ניט איז סבה האָט מען אויסגעקליבען דאָס אָדער יענץ פלאַץ צו בויען אַ שטאָדט. און די אַרבייט פון מענשען מיט אַלע זייערע תחבולות—וואָס פאַר אַ ווערט האָבען זיי? אָבער די שטאָדט ירושלים האָט גאָט אליין געבויעט און ער האָט זי בעפעסטיגט און האָט איהר אָבגעטיילט פון זיין העהנקייט, פון זיין געטליכקייט, אַראָבגעשיקט די שכינה, דעם רוח הקודש, עפּעס וואָס העכער׳ס פון דער גאַטיר פיהלט מען דאָ אין יעדען ווינקעלע... אונזערע אבות האָבען אונז דערצעהלט, אַז אַפילו ווען ירושלים איז געווען געפאַלען און זי איז געווען ווי אַן אַלמנה, ווען זי איז געווען חרוב, איז זי אויך געווען שעהן ווי אַ שעהנע פרוי אין שווארצע קליידער אין דער צייט פון איהר טרויער... ובפרט נאָך איצט, אַז זי האָט צוריק אויפגעלעבט און שעהן געוואָרען ווי אַ בליהענדע רויז...

צווישען די שרייבער פון דעם זיבענצעהן יאָהר-הונדערט זענען געווען אַזעלכע, וואָס ווען זיי האָבען זיך צוזיצט, רעדענדיג וועגען דעם ישוב, האָבען זיי פערגעסען אין ירושלים, און אין זייער אייגענעם און צוטראָגעניש האָבען זיי געמיינט,

אז עס איז מעגליך ארץ־ישראל אהן ירושלים. זאל זיי גאט מוחל זיין, יענע נאציאנאל־שרייבער! הי עס ווייזט אויס זענען זיי געווען וואוילע מענשען, זיי האבען אבער ניט געהאט קיין ווייטען קוק, זיי האבען ניט בעגריפען די צוקונפט . . . אונ־זער פאלק איז דאס הארץ פון דער מענשענהייט, ארץ־ישראל איז דאס הארץ פון אונזער פאלק, און ירושלים — דאס הארץ פון ארץ־ישראל, און ניט נאר א הארץ, נאר אויך די נשמה מיט'ן לעבען, ארץ־ישראל אהן ירושלים איז ווי א גוף אהן א נשמה.

אינים נאמען ירושלים אליין ליגט עפעס בעהאלטען א גרויסער כח, א פארבארגענער, א כח, וועלכער ציהט צו זיך יעדעס יודיש הארץ.—דאס האבען געוואוסט אונזערע עלטערען פון אמביג אן, און ניט קוקענדיג אויף די אלע פארשלאגען צו מאכען א ישוב אין אנדערע לענדער, ווייט פון ירושלים,— איז פארט ירושלים געווארען דער צענטער פונ'ם ישוב און אלעס איז אין איהר, און אלעס איז פון איהר.

און א שטאדט פון שלום איז זי געווארען, דארט מא־כען יודען שלום צווישען זיך און די אומות העולם; יענע — מיט די יודען אין צווישען זיך. ניטא ארום קיין פעסטונג, קיין מויער, קיין הארמאטען, — אפען איז ירושלים, און דאך איז קיינע מרידות ניטא, קיינע געשרייען אין די גאסען,—צופרידען רוהיג וואהנען דארט פערשידענע פעלקער. זיי טהוען קיין שלעכטס ניט, זיי טהוען קיינעם קיין שאדען ניט אין דער הייליגער שטאדט...

וועגען ירושלים, וועגען איהר ארט לעבען און איהרע בנינים מיט איהר באפעלקערונג בכלל, און וועגען דער „אויס־שטעלונג" בפרט, וועל איך נאך שרייבען אין א בעזונדער בוך און דא וועל איך נאר בעמערקען אין קורצען: די צאהל פון די איינוואהנער בעטרעפט מעהר פון דריי הונדערט טויזענד, דער רוב פון זיי זענען יודען. אויפ'ן פלאץ „שלום" שטעהט דער אוניווערזיטעט און א סך פאלאצען פון די בעסטע און אינטעליגענטען, אין צפון זייט פון דער שטאדט, ביים ארויס־פאהר קיין יפו — איז די ראבינער־שולע און דער אינסטיטוט

פאַר לעהרער, אין דרום זייט פליסט דער טייך „קדרון״. דער טייך איז שוין היינט ניט טרוקען און וויסט. ער איז יעצט פול מיט וואסער איבער די ברעגעס. דער „הר הזיתים״ איז היינט ניט קיין אָרט פאַר אַ בית הקברות, נאָר טאַקע אַ אמת'ער באַרג פון איילבירטען.

ווי וואונדערליך און ווי שעהן איז דער דאָזיגער באַרג! אויף זיין שפּיץ שטעהט די בעריהמטע אָבסערוואַרטאָריע, וויל אַלע אַסטראָנאָמען פון דער גאַנצער וועלט האָבען בעשלאָסען צו רעכענען דעם ערשטען מערידיאַן *) פון ירושלים. דערפאַר האָט מען דאָרט אויעקגעשטעלט אַ אָבסערוואַטאָריע, און אַרום ירושלים געפינען זיך וויינגערטנער און מאַראַנצען-גערטנער, אויך זומער-וואָהנונגען פאַר בעאַמטע און גרויסע לייט, און צוגעגען געהען אָפּ און קומען אָן מיט טויזענדער נייע אורחים אַלע טאָג, און די בעוועגונג אין שטאָט איז גרויס.

ירושלים איז דער צענטער פון דער גאַנצער וועלט, זי שטעהט אין דער מיט וועלט.. בעזאָנדערס איז זי דער צענטער פון דער יודישער וועלט, אין איהרע גאַסען קען מען בעגעגענען אונזערע ברידער פון אַלע עקען וועלט. די הויכע שולען, וועלכע געפינען זיך אין ירושלים, זענען אַ צענטער פון תורה, חכמה און בילדונג פאַר אַלע אונזערע ברידער פון די גלות-לענדער, טויזענדער תלמידים קומען קיין ירושלים פון אַלע עקען וועלט, כדי צו הערען לעקציעס וועגען תורה און בילדונג, און פון ירושלים געהט אַרויס תורה און ליטעראַטור פאַר דער גאַנצער וועלט...

נאָר דער בית המקדש פעהלט נאָך, דער כותל מערבי שטעהט נאָך פערוויסט, דאָס בעווייזט אונז, אַז עס איז נאָך נישט געקומען די אמת'ע גאולה, און מען מוז נאָך צו-וואַרטען...

---

*) מערידיאַן — הייסט אַ ליניע, וועלכע, ווי מען מאַלט זיך אוים, איז כלומרשט איבערגעצויגען איבער דער ערד. אַזוינע ליניעס רעכענט מען אַרום דער גאַנצער ערד 360, אין ירושלים—דער אָנהויב. (דער איבערזעצער).

אַ גאַנצען חודש האָב איך זיך פערזאַמט אין ירושלים, און די גאַנצע צייט האָב איך ניט גערוהט און בין ניט געזעסען אויף איין אָרט: איך האָב אויסגעקוקט אַלע אַלטע און טייערע זאַכען אין מוזעאום. איך האָב בעזוכט די שולען, די קאָנסערוואַטאָריעס, איך האָב געהאַט די עהרע אויפגענומען צו ווערען אין הויז פון נשיא, געווען אויף זיצונגען פון „נאַציאָנאַל-קאָמיטעט“, בעזוכט די הויכע בעאַמטע, די הויפט-פיהרער פון פאָלק, און דעם ה׳ יהושע בן יצחק, דעם בילדונגס-מיניסטער, דעם גאון ה׳ שמואל בן חפני, דעם ראש פון „נאַציאָנאַל-קאָמיטעט“, די פּאָעטען: אסף הימן און ידותון, די שרייבער, די געלערנטע, די רעדאַקציעס, איך בין געווען אויף פערזאַמלונגען פון געלערנטע. איך האָב געהערט לעקציעס אין דער אַקאַדעמיע פון שפּראַך און היסטאָריע, און יעדען טאָג בין איך מיט מיין פרוי געגאַנגען אָנקוקען די אויסשטעלונג. און דאָך האָט מיר די צייט ניט מספיק געווען אויסצוקוקען אַלעס, וואָס דאָרט געפינט זיך, און ווען איך זאָל זיך געווען פערזאַמען דריי מאָל אַזוי פיעל, וואָלט איך אויך ניט געקאָנט אויסקוקען און בעטראַכטען אַלעס. מען קאָן זיך ניט זאַט אָנקוקען און אָנהערען פון די אַלע וואונדערליכע נייעס. און מיט אַ פרעהליך האַרץ און מיט האָפנונג, אַז איך וועל זיך נאָך אַ מאָל אומקעהרען און זעהען די פערגעניגען פון אונזער היילינגער שטאָדט, בין איך אַוועקגעפאָהרען פון דער שטאָדט.

נאָר אַנשטאַט, וואָס איך האָב פריהער גערעכענט צו פאָהרען קיין צפון מיט דער ליניע „ירושלים—גלגל—שכם—און עין גנים“ און פון דאָרט דורך בית שאן פון יענער זייט ירדן קיין מורח צו, האָב איך יעצט איבערגעביטען דעם מאַרשרוט פון מיין רייזע, איך האָב זיך גענומען קיין דרום זייט, דורך דער ליניע „ירושלים—חברון—כרמל“, וועלכע געהט אין דרום זייט פונ׳ם ים המלח.

ווייל אויף דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג אין ירושלים האָט זיך מעהר פון אַלעמען אויסגעצייכנעט די געגענד פון ים המלח, און ווייל פון דער היסטאָריע ווייסען מיר, אַז דער

ים הייסט „ים המות", דער טויטער ים, און דער גאַנצער פלאַץ אַרום בעשטעהט פון שוועבעל און זאַלץ — האָב איך גע־וואָלט זעהען די געגענד, וואו סדום און עמורה זענען פאַר־צייטען געשטאַנען, און הייַנט איז דאָרט אַ לאַנד פון לעבען און גליק.

ביז יעצט זענען מיר דורכגעפאָהרען דורך בעאַרבייטע און פערזייהטע פעלדער, אַצינד נעהמען מיר זיך צו אַ צענטר פון פאַבריקען און זאַוואָדען.

אַז מען קוקט זיך צו צו די רייזענדע, וועלכע פאָהרען אויף דער ליניע, וואָס געהט צום ים המלח, פון יענער זייט טייך קדרון, זעהט מען, אַז עס איז פאַרהאַן אַ חלוק פון ווי ביז די, וואָס פאָהרען אויף דער ליניע „ירושלים—שכם" אָדער „ירושלים—יפו" וכדומה, און בכלל איז אַ גרויסער חלוק פון די, וואָס קומען אָן פון צפון און מערב ארץ ישראל. די געגענדען פון ערד־אַרבייט, ביז די, וואָס קומען אָן פון דרום זייט, די געגענדען פון פאַבריקאַציע. דאָרט וועט איהר זעהען קאָלאָניסטען פעטע, געזונטע, בעלי בתים פון נחלאות און גיטער, וואָס זייער פנים זאָגט אויס, אַז זיי ווייסען גוט דעם טעם פון פלייש, בוימאייל און אַלטען וויין וכדומה, — און דאָ, אויף די דרום־ליניעס, וועט איהר זעהען אַרבייטער, בעלי־מלאכות, ערד־מייסטער'ס, בוי־מייסטער'ס, שלאָסער'ס, חימיקער וכדומה, — מענשען, וואָס אויף זייער פנים וועט איהר דערקענען זייער מלאכה אָדער זייער בעשעפטיגונג, ווייל פון דער צייט, וואָס מען האָט געפונען די שטיין־קוילען בייַם ים המלח און נאָך מעהר פון זינט מען האָט אויסגעבויט די נייַע ליניע „ים המלח עציון גבר" און „ים המלח ים סוף", איז די געגענד געוואָרען אַ צענטר פון פאַבריקאַציע אין דרום ארץ ישראל, — אייזען ברענגט מען פון צפון, פון די געגענדען „לבנון" און „כרמל", און דאָ גיסט מען דאָס און מען מאַכט דערפון פערשידענע כלים און ווערק־צייגען, פון דער לעהם, וואָס געפינט זיך אין מאָל בייַם ים המלח, אַרבייט מען אויס כלים, וועלכע זענען פיעל בעסער פון די פאָרצעלייַנע, וועל־כע מען מאַכט אין אייראָפּאַ. אַזוי אַרבייט מען אויך אויס

שוועבעל, בראָם און קרישטאָל, און אויך פערשידענע פאַרבען, פון די מינעראַלען און מאַטעריאַלען, וועלכע מען בעקומט אַרויס פון די זומפּען און די אָזערען, וואָס אַרום ים המלח.

און דער גאַנצער טאָל איז אַ אוצר און קוואַל פון רייכטהום, דאָרט אין דער ערד געפינט מען שעצבאַרע מאַטעריאַלען. זיסע וואַסער פעהלט דאָ אויך ניט, ווייל די נייע טעכניק מאַכט אַלעס, אַפילו אַ קינסטליכען רעגען איז איצט אויך גרינג צו מאַכען, בעזאָנדערס אין די דאָזיגע ערטער. חוץ דעם האָט מען געגראָבען טיפע קרענעצעס, און מען האָט געפונען זיסע וואַסער, און אַזוי האָט מען געמאַכט פון אַ וויסטען מדבר אַ געבענשט לאַנד. עס איז היינט בעזעצט מיט פיעל דערפער און שטעדט, אין וועלכע עס געפינען זיך פערשידענע פאַבריקען. פון די הויכע קוימענעס געהט שטענדיג אַ רויך ביז'ן הימעל, די עלעקטריע רוהט דאָ אויך ניט, און עס רוישט פון אַלע זייטען. דער גאַנצער וועג ירושלים ביז חברון איז ווי איין שטאָדט, ווייל ביים וועג ציהען זיך זומער=וואָהנונגען איינע נאָך דער אַנדערער, און אין זיי וואָהנען רייכע מענשען, אינטעליגענטען און אַריסטאָקראַטען. אין חברון געפינען זיך אַ סך פאַבריקען, און אַ גוטער זאַוואָד וועלכער אַרבייט אויס דאָס בעסטע גלאָז אין דער וועלט. — פון חברון בין איך געפאָהרען ווייטער מיט דער ליניע „זיף=כתל=מעין" און „גבע", און אין גבע צוטיילט זיך די ליניע: איינע געהט אַוועק דורך מעין און באר=שבע צום ים=סוף, און די צווייטע — דורך „קריות=ערודה=מליחה", און „צוער", וועלכע ליעגט אין דרום זייט פון ים המלח.

אויב עס געפינט זיך אַן אָרט אויף דער וועלט, אויף וועלכען מען קאָן זאָגען, אַז מענשען האָב דאָס געמאַכט, איז דאָס נאָר די נעגענד פוגים ים המלח, די האָלענדער בעריהמען זיך, אַז זיי האָבען אָוועקגענומען זייער שטיק לאַנד ביים ים, זיי האָבען מיט איהם מלחמה געהאַלטען און מנצח געווען, נאָר זיי האָבען געהאַט צו שטרייטען נור מיט'ן ים,

אָבּער יודען האָבּען געהאַט צו שטייטען נִיט נור מִיט'ן ים, נאָר אויך מיט דער לופט פון דער נאַטור אַליין, וועלכע האָט געשטערט אויף יעדען טריט. דאָ איז געווען אַ לאַנד, וואו עס האָט קיין פוס פון מענשען נִיט געטרעטען, און אפילו קיין פויגעל איז נִיט דורכגעפלויגען, קיין שום לעבּעדיג בּעשעפעניש האָט דאָרט נִיט געקאָנט לעבּען, און היינט איז דאָ געוואָרען אַ גן־עדן.

דאָס אַלעס איז אָבּגעטהון געוואָרען אין אַ משך פון ק״ יאָהר!...

ווי גרויסאַרטיג זענען דיינע פעהיגקייטען, קליין מענשע־לע — צום ערשטען האָט גאָט בּעשאַפען דיין פאָטער און האָט איהם בּעזעצט אין גן־עדן, און וואו די געפינסט זיך, דאָרט קאָן בּעשאַפען ווערען אַ גן־עדן... דערצו דאַרף מען הוץ גאָט'ס הילף, נור כח און מח. כח אַליין, געזונטע הענד, קאָנען אויסרייסען בּערג, אָבּער אָהן מח קאָן דערפון גאָרנישט אַרויסקומען, עס קאָן קיין נוצליכעס נִיט געשאַפען ווערען. אָבּער כח מִיט מח צוזאַמען, דאָס איז דער סוד און דער יסוד פון דער שאַפונג. און נור דער יוד מִיט זיינע שטאַרקע הענד און מיט זיין שאַרפען מח האָט געקאָנט בּעשאַפען אָט די אַלע וואונדערליכע זאַכען...

און אין דער שטאָדט מלח איז די בּעוועגונג אונגעהויער גרויס, די האַמערען קלאַפען, די מאַשינעס פייפען און דער רויך זעצט אַרויס פון די הויכע קוימענעס, און טויזענ־דער אַרבּייטער אַרבּייטען דאָרט. אין דער שטאָדט געפינען זיך אויך אוצרות פון אַלע מיני סחורות און מעטאַלען, וועלכע ווערען געבּראַכט פון כרמל און לבנון דורך דעם ירדן און דורכ'ן ים המלח, און פון דאַנען פיהרט מען אַלעס אַוועק מִיט דער בּאַהן דורך קדש־בּרנע בּיז עציון גבר, וואָס אויפ'ן בּרעג פון ים־סוף.

אין דער שטאָדט געפינט זיך אויך די גרעסטע געאָלאָ־גישע אַקאַדעמיע, און די גרויסע געלערענטע מאַכען דאָרט אויספאָרשונגען טיעף אין דער ערד, דאָ געפינט זיך די הויפּט־

פערוואלטונג פון די רודניקעס אין דרום פון לאגד, און דא וואהנט דער גובערנאטאר.

די שטאדט איז העכסט שעהן, די צאהל איינוואהנער דערגרייכט ביז הונדערט טויזענד. די גאסען זענען געברוקירט, און עס זענען דא אזוינע הייזער, וואס זענען געבויעט פון שטיינזאלץ, ווייל ניט לאנג האט א טעכניקער געפונען א מיטעל צו פערהארטעווען די זאלץ, ווי שטיין, אזוי אז זי האט קיין מורא ניט פאר פייער און פאר וואסער, און ווען מען שלייפט אויס אזוינע שטיינער און מען בויעט פון זיי הייזער, גלאנצען זיי אקעגען דער זון אדער דער עלעקטריע, און דאן זענען די הייזער אונגעהויער שעהן.

אויפ׳ן ים המלח געהען ארום שיפען אין דער לענג און אין דער ברייט, און דא איז דער הויפט־פארט פון דער געזעלשאפט: „ים־המלח־שיפען”.

מיט דעם שיף „השר הנדיב” זענען מיר געפאהרען קיין עין גדי. די שטאדט עין גדי איז גרויס און שעהן און צייכענט זיך אויס מיט איהרע טייערע וויינגערטנער. די איינוואהנער פון עין גדי בעריהמען זיך נאך יעצט, אז די שעהנע שולמית, די געליעבטע פון שלמה המלך, איז געווען פון זייער שטאדט. אז מען קוקט זיך צו צו די מיידלעך פון שטאדט, קאן מען עס גלויבען.

פון עין גדי זענען מיר געפאהרען דורך „בקעה” און „עיר מיכאל” צום אויסגוס פונ׳ם ירדן.

דארט געפונט זיך די שטאדט „אשדות הירדן”, דאס איז איינע פון די גרויסע שטעדט אין ארץ ישראל, און דער מסחר איז דארט גרויס אונגעהויער, ווייל פון חשבון עלעלי פון רבת בניעמין און פון דער גאנצער געגענד פונ׳ם מזרח ים און פונ׳ם ים המלח ברייננט מען אהער די תבואות און די מעטאלען. דאס איז אויך איינע פון די שעהנע שטעדט און דא וואהנט אויך א גובערנאטאר.

דא האבען מיר זיך געזעצט אויף דער שיף „חובבי ציון” און זענען געפאהרען ביז בית שאן, דארט האבען מיר

זיך איבערגעזעצט אויף א קלענערער שיף, ווייל דא איז שוין ווינציגער וואסער, און זענען געפאהרען ביז מגדל, וואס ביים ים כנרת, פאהרענדיג איבער'ן ים כנרת, האבען מיר געזעהען די שטעדט: נחמיה, טבריה, מגידו און מגדל, פון מגדל זענען מיר געפאהרען קיין מי מרום און מיזעת. דא האט זיך געענדיגט אונזער רייזע אויפ'ן ים המלח און אויפ'ן ירדן.

און די וואסער אין ירדן פליסט איבער אלע ברעגען און שיפען געהען דארט שטענדיג. פאהרענדיג אויף דעם שיף האבען מיר געזעהן שטעדט און דערפער, פעלדער און וויינגערטנער, אין וועלכע מען ארבייט שטענדיג. און די נסיעה בכלל איז געווען זעהר א אנגענעמע, ווייל אויף אלעם, וואס ארום אונז, שיינט עפעס א נאטירליכער חן און די יודען האבען מיט זייער פלייסיגקייט נאר מוסיף געווען שעהנקייט צו דער נאטירליכער שעהנקייט, אזוי אז דער ירדן איז געווארען פון ביידע זייטען איין גרויסער גארטען...

פון די שעהנע בילדער, וואס לויפען אלע מאל דורך פאר די אויגען, ווערט אין מח געבוירען א גרויסע, רייכע פאנטאזיע, יעדעס ארט, יעדער טריט ברענגט מיט זיך עפעס פארצייטיגע זכרונות. — ניט אומזיסט קומען א הער רייזענדער פון אלע עקען וועלט, צו זעהן און בעטראכטען די אלע געטליכע בילדער.

פון מיפעת זענען מיר געפאהרען מיט דער באהן, דורכ'ן לבנון און כרמל, דורך דער „יודישער שווייץ" ביז בארות.

אויב דער דרום-מערב פון ארץ-ישראל צייכענט זיך אויס מיט זיינע טאלען, צייכענט זיך דער צפון-מערב אויס מיט זיינע בערג, און די אלע בריה'שאפטען, וואס יודען האבען בעוויזען אין דרום, וואו זיי האבען געמאכט פון א מדבר א גן עדן, האבען זיי בעוויזען אין צפון אויך. זיי האבען געבויעט שטעדט און דערפער און פערפלאנצט וויינגערטנער, זיי האבען געגראבען קאנאלען, געמאכט סאזשעווקעס מיט וואסער, געבויעט באהנען און פאבריקען, און האבען לעבעדיג געמאכט דאס לאנד, און עס לעבט און איז פראכטפאל שעהן . . .

פֿונקט דינסטאָג, כ״ד אלול, נאָכ'ן פֿערזאַמען זיך אין ארץ־ישראל דרײַ חדשים זענען מיר געקומען קיין בארות.

אינ'ם משך פֿון יענער צײַט בין איך דורכגעפֿאָהרען ארץ־ישראל אין דער לענג, נאָר ניט אין דער ברײַט, ווײַל איך בין ניט געווען פֿון יענער זײַט ירדן: וואו עס געפֿינט זיך דאָס לאַנד פֿון די בני גד און ראובן און האַלב שבט מנשה, פֿון דן ביז דמשק און פֿון דמשק ביז'ן טײַך פרת, און פֿונ'ם טײַך פרת ביז בצרה, און דערנאָך, גד, קדמות, עיר מואב, תפל וצקלג און באר שבע ביז'ן גרענעץ פֿונ'ם וודישען לאַנד. אָט די אַלע לענדער און יענע געגענד וואָס בײַם ים, וואו עס וואָהנען יעצט אַ סך פֿון אונזערע ברידער, האָב איך ניט בעזוכט. אַז גאָט וועט מיר העלפֿען צו זײַן איבער אַ יאָהר אין ארץ־ישראל וועל איך שוין אויסקוקען יענע לענדער אויך.

אין בארות האָבען מיר זיך אויפֿגעזעצט אויף דער שיף „ישרון", וועלכעס געהט קיין אשדות און זענען געפֿאָהרען אַ היים.

אָט, זעהט איהר, ליעבע לעזער, אַז איך האָב גלײַך געזאָגט אין אָנהויב פֿון מײַן ערצעהלונג: פֿריהער פֿלעגען אונזערע עלטערען פֿאָהרען קיין ירושלים דורך פֿאַריז, און אַז זיי זענען געקומען קיין פֿאַריז, האָבען זיי שוין פֿערגעסען פֿאָהרען קיין ירושלים, און איצט איז נשתנה געוואָרען דער סדר, מיר פֿאָהרען קיין פֿאַריז דורך ירושלים, און אַז מיר זענען געקומען קיין ירושרים, האָבען מיר פֿאַרגעסען פֿאַריז...

אָט ווי צײַטען בײַטען זיך!...

טרויעריג און פֿריעהליך בין איך געווען דעם גאַנצען וועג, פֿאָהרענדיג צוריק אַ היים. איך האָב זיך געפֿרעהט אויפֿ'ן גאַנצען גוט'ס, וואָס גאָט האָט געגעבען זײַן פֿאָלק, אויף די ישועות ונחמות, און טרויעריג בין איך געווען, וואָס איך האָב ניט דאָס גליק צו זײַן אין דעם גליקליכען לאַנד, צווישען מײַנע גליקליכע ברידער.

נאָר איך האָב אַ האָפֿנונג, אַז אין גיכען וועל איך זיך אומקעהרען צו זיי, ווײַל מײַן פֿרוי, וועלכער ס'האָט זיך שטענדיג געחלומ'ט וועגען פֿאַריז, האָט שוין געביטען איהר מיינונג,

און האָט מיר שוין עטליכע מאָל געזאָגט: ווי גוט איז, מיין לעבען, צו זיין דאָרט אין יודישען לאנד... זיי אויך וואָהנען אין ירושלים אָדער אויפ׳ן ברעג פונים ירדן!״

— ווי גוט און ווי זיס איז, מיין הארץ, צו הערען אַזעלכע רייד פון דיר!

און די שיף דערנעהענטערט זיך אַלע מאָל מעהרער צום ברעג פון סוריען. איך פאָהר אַהיים, אָבער מיין הארץ און מיין נשמה זענען דאָרט, דאָרט אין לאנד פון אונזערע אבות, אין היילינגען לאנד, אין וואונדערליכען לאנד, אין דעם יודישען לאנד.